STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03416

ERTSEHLUNG VEGEN ZIBEN GEHANGENE

Leonid Andreyev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאניד אנדרעיעוו.

א ערצעהלונג

וועגען זיבען געהאנגענע.

פארלאג „די וועלט"

L. ANDREJEW
Opowieść o siedmiu powieszonych

Wydawnictwo „DI WELT“
Warszawa, 1923

Drukarnia „DI WELT“, Nowolipie 7.

1. איינס ביי טאָג, אייער עקסעלענץ.

אַזוי ווי דער מיניסטער איז געווען אַ מענש אַ פעטער, גענייגט צו אַפּאָפּלעקסיע, איז מיט כל'ערליי פאַרזיכטיגקייטען, אויסמיידענדיג אַרויסצורופען אַ געפעהרליכע אויפרעגונג, האָט'ן איהם געוואָרענט, אַז אויף איהם ווערט צוגעגרייט זעהר אַן ערנסטער אָנפאַל. זעהענדיג, אַז דער מיניסטער האָט בעגעגענט די ידיעה רוהיג און אפילו מיט אַ שמייכעל, האָט'ם איבערגעגעבען אויך די פּרטים: דער אָנפאַל דאַרף פאָרקומען מאָרגענדיגען טאָג, אין דער פרי, בעת ער וועט אַרויספאָהרען אין הויף מיט אַ בעריכט; עטליכע מענשען טעראָריסטען, וואָס זענען שוין אַרויסגעגעבען דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר און וועלכע שפּיאָנעם לאָזען איצט פון אויג ניט אָב, דאַרפען מיט באָמבעס און רעוואָלווערען צונויפקלייבען זיך איינס ביי טאָג ביים פאַראַדנעם אַריינגאַנג און וואַרטען אויף איהם. דאָ וועט מען זיי פערנעהמען.

— שטעהט נאָר, — האָט זיך פערוואונדערט דער מיניסטער, — פון וואַנען דען ווייסען זיי, אַז איך וועל פאָהרען איינס ביי טאָג מיט אַ בעריכט, בעת איך אַליין האָב זיך דערוואוסט דערפון ערשט אייערנעכטען?

דער נאַטשאַלניק פון אָכראַנע האָט אונבעשטימט פאַנאַנדערגעפיהרט מיט די הענד:

בפירוש איינס ביי טאָג, אייער עקסעלענץ.

ווי האַלב פערוואונדערט און ווי ער וואָלט צוגלייך בעוויליגט די בריה'שאַפט פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט אַלץ אַזוי גוט איינגעאָרדענט, האָט דער מיניסטער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און בעטריעבט אַ שמייכעל געטהאָן מיט זיינע דיקע דונקעלע ליפּען; און מיט'ן זעלבען שמייכעל, מעשה עניו, נישט וועלענדיג אויך אויף ווייטער שטערען דער פּאָליציי, האָט ער זיך געשווינד צוגעקליבען

און איז אָבגעפאָהרען נעכטיגען אין עמיצענס אַ גאַסטפריינדליכען פאַלאַץ. אויך זענען אַוועקגעפיהרט געוואָרען פון דעם געפעהרליכען הויז, נעבען וועלכען ס'וועלען זיך צונויפקלייבען מאָרגען די באָמבען־וואַרפער, זיין פרוי און צוויי קינדער.

ווי לאַנג ס'האָבען נאָך געברענט די פייערען אין דעם פרעמדען פאַלאַץ און פריינדליכע, בעקאַנטע געזיכטער האָבען זיך געניגט, געשמייכעלט און געצאָרנט, האָט דער סאַנאָווניק איבערגעלעבט אַ געפיהל פון אַנגענעהמער אויפרעגונג — פונקט ווי מ'וואָלט איהם שוין געגעבען, אָדער באַלד געבען אַ גרויסע און אונגעריכטע מתנה. נאָר די מענשען זענען זיך צופאָהרען, די פייערען האָט מען פערלאָשען, און דורך די שפּיגעלדיגע שויבען האָט זיך אויפ'ן באַלקען און די וואַנד געלעגט אַ געפלאָכטען־קרייזעלדיגער און פאַנטאַסטישער שיין פון די עלעקטרישע לאַטערנעס; פרעמד דעם הויז, מיט זיינע בילדער, סטאַטועס און שטילקייט, אַנ'אַריינגעקומענער פון גאַס, אַליין אַ שטילער און אונבעשטימטער, האָט ער געוועקט אַ ענגסטליכען געדאַנק וועגען די נישטווערטיגקייט פון די ריגלען, שמירה און וואַנד. און אין יענער נאַכט, אין שטילקייט און איינזאַמקייט פון דעם פרעמדען שלאָפצימער, איז דעם סאַנאָווניק בעפאַלען אַ אונערטרעגליכער פּחד.

ער האָט וואָס געהאַט מיט די נירען, און ביי יעדער שטאַרקער אויפרעגונג פלעגט זיך אָנגיסען מיט וואַסער און געשוואָלען ווערען זיין געזיכט, די פיס און הענד, און דערפון פלעגט ער ווערען אַזוי ווי נאָך מגושמ'דיגער, נאָך דיקער און מאַסיווער. און איצט, ווי אַ בארג אָנגעבלאָזענע פלייש, לויערענדיג אויף די צוגעדריקטע פרושינעס פון בעט, האָט ער מיט אַ צובראָכען געמיט פון אַ קראַנקען מענשען געפיהלט זיינע געשוואָלען, פונקט ווי אַ פרעמד, געזיכט און האָט אונאויפהערליך געטראַכט וועגען דעם שיקזאַל, וואָס די מענשען האָבען פאַר איהם געגרייט. ער האָט דערמאָהנט איינעם נאָכ'ן אַנדערן, אַלע ניטלאַנגיגע שרעקליכע פאַלען, ווען אין מענשען פון דעם זעלביגען און אפילו אַ העכערען ראַנג ווי ער, האָט מען געוואָרפען באָמבעס, און די באָמבעס האָבען אין שטיקער געריסען דעם קערפער, פאַנאַנדערגעשפריצט מאַרך איבער די שמוציגע ציגעלנע וואַנד, אַרויסגעזעצט די צעהנער פון די נעסטען. און פון די דאָזיגע ערינערונגען האָט זיין אייגענער פעטטער קראַנקער קערפער, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוואָרפען איבער'ן בעט, זיך געדוכט ווי אַ פרעמדער, וועלכער פיהלט שוין די פייערדיגע קראַפט פון דער אויפרייסונג; און ס'האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי די הענד

טהוען זיך אָבטיילען פֿון גוף, די צעהן פֿאַלען אַרויס, דער מאַרך ווערט צופּיצעלט, די פֿיס ווערען פֿערגליווערט און ליגען מיט הכנעה, מיט די פֿינגער אַרויף, ווי ביי אַ מת. ער האָט זיך שטאַרק בעוועגט, געאָטהמעט הויך, געהוסט, כדי אין קיין זאַך ניט געגליכען ווערען צו אַ מת, האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ לעבעדיגען גערויש פֿון די קלינגענדע ספּרוזשינעס, פֿון דער שאַרכענדער קאָלדרע, און כדי צו בעווייזען, אַז ער איז דורכאויס אַ לעבעדיגער, איז אַ האָר ניט געשטאָרבען און ווייט פֿון טוידט, ווי יעדער אַנדער מענש, האָט ער געמורמעלט מיט אַ באַסאָווער שטים אין דער שטילקייט און איינזאַמקייט פֿון צימער:

— כוואַטעס! כוואַטעס! כוואַטעס!

דאָס האָט ער געליבט די שפּיאָנעס, די פּאָליציי און סאָלדאַטען, די אַלע, וועלכע פֿערהיטען זיין לעבען, און האָבען אַזוי בעצייטענס, אַזוי געשיקט פֿערוואָרענט פֿון דעם מאָרד. נאָר בעוועגענדיג זיך, נאָר שמייכלענדיג מיט אַ איבערגעוואַלדיגען קרומען שמייכעל, כדי אויסצודריקען זיין שפּאָט איבער די נאַרישע שלים-מזל׳ניקעס טעררויריסטען, — האָט ער נאָך אַלץ ניט געגלויבט אין זיין רעטטונג, אין דעם, אַז דאָס לעבען וועט ניט פּלוצלונג, מיט איין מאָל, אַוועק פֿון איהם. דער טוידט, וועלכען ס׳האָבען געפּלאַנעוועט פֿאַר איהם מענשען און וועלכער איז געווען בלויז אין זייערע פּלענער, אין זייערע רעיונות, איז ווי ער וואָלט שוין געשטאַנען דאָ, און וועט ניט אָבטרעטען, ביז וואַנען מ׳וועט יענע ניט כאַפּען, ניט אָבנעהמען ביי זיי די באָמבעס און ניט אַוועקזעצען זיי אין אַ פֿעסטער טורמע. און אין יענעם ווינקעל שטעהט ער, און טרעט ניט אָב — קען ניט אָבטרעטען, ווי אַ געהאָרכזאַמער סאָלדאַט, וואָס איז דורך עמיצענס ווילען און בעפֿעהל אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף וואַך.

— איינס ביי טאָג, אייער עקסילענץ! — האָט געקלונגען די געזאָגטע פֿראַזע, צוגיסענדיג זיך אויף אַלערליי שטימען: באַלד אַ פֿרעהליך שפּאָטישע, באַלד אַ צאָרנדיגע, פֿער עקשנ׳טע און שטומפּפע. אַקוראַט ווי מ׳וואָלט אַוועקגעשטעלט אין שלאָף-צימער אַ גאַנצע מאה אָנגעדרעהטע גראַמאָפאָנעס און זיי אַלע, איינס נאָכ׳ן אַנדערן, מיט דער התמדה פֿון אַ גולם, האָבען אַרויסגעשריען די ווערטער, וואָס מ׳האָט זיי געהייסען:

— איינס ביי טאָג, אייער עקסילענץ.

און דער דאָזיגער מאָרגעדיגער „איינס ביי טאָג“, וואָס איז נאָך גאָר ניט לאַנג ניט פֿערענדערט געווען פֿון אַנדערע, געווען בלויז אַ רוהיגע בעוועגונג פֿון דעם ווייזער איבער׳ן ציפֿערבלאַט פֿונ׳ם זאָל-

דענעם זייגער, האט פלוצלונג בעקומען א גרויזאמע איבערצייגונגס־קראפט, איז ארויס־געשפרונגען פון ציפערבלאט, האט גענומען לעבען בעזונדער, זיך אויס־געצויגען, ווי א אונגעהויער שווארצער סלופ, וואס צושניידט דאס גאנצע לעבען אין צווייען. אזוי ווי ניט פאר אידם און ניט נאך אידם וואלטען ניט עקזיסטירט קיין אנדערע שעה'ן, און נאר ער אליין, א חוצפה'דיגער און א פערריסענער, האט געהאט רעכט אויף עפעס א גאנץ בעזונדערער עקזיסטענץ.

— נו? וואס דארפסטו דא?—דורך די ציינער, צארענדיג האט דער מיניסטער געפרעגט.

ס'האבען גע'רעש'ט די גראמאפאנעס:

— איינס ביי טאג, אייער עקסילענץ! און דער שווארצער סלופ האט שעלמיש געשמייכעלט און זיך געניוגט. א סקריפ טהו־ענדיג מיט די ציהן, האט דער מיניסטער זיך אויפגעהויבען אויפ'ן בעט און אנידערגעזעצט, אנלעהנענדיג זיך מיט'ן געזיכט אויפ'ן האנד—בשום אופן האט ער ניט געקענט איינשלאפען אין דער דאזיגער העסליכער נאכט.

און מיט אנ'אימה'דיגער קלארקייט, צודריקענדיג דאס געזיכט מיט די דיקע אנגעהושעטע הענד, האט ער זיך פארגעשטעלט, ווי מארגען אין דער פריה וואלט ער אויפגעשטאנען, ניט וויסענדיג פון קיין זאך; נאכדעם וואלט ער געטרונקען קאווע, ניט וויסענדיג פון קיין זאך. נאכדעם וואלט ער זיך אנגעטהון אין פארערצימער, און ניט ער, און ניט דער שווייצאר, וואס דערלאנגט דעם פוטער, און ניט דער לאקאי, וואס ברענגט די קאווע, וואלטען ניט געוואוסט, אז ס'איז דורכאויס אונזיניג צו טרינקען קאווע, אנטהאן דעם פוטער, ווען אין איניגע סעקונדען וועט אט דאס אלץ: אי דער פוטער, אי זיין קערפער, אי די קאווע, וואס אין אידם, פערטיליגט ווערען דורך אנ'אויפרייסונג, וועט פערטראגען ווערען דורכ'ן טוידט. אט עפענט דער שווייצאר די גלעזערנע טיר... און אט ער, דער ליעבער, גוטער, בגעימות'דיגער שווייצאר, וואס האט בלויע סאלדאטסקע אויגען און ארדענס איבער'ן גאנצען ברוסט, עפענט מיט זיינע אייגענע הענד די שרעקליכע טיר—עפענט, ווייל ער ווייס פון קיין זאך ניט. אלע שמייכלען, ווייל זיי ווייסען פון קיין זאך ניט.

אהא!—האט ער פלוצלונג געזאגט אויפ'ן קול און לאנגזאם אבגעפיהרט פון געזיכט די הענד. און קוקענדיג אין דער פינסטערניש, ווייט פון זיך, מיט א פערגליווערטען אנגעשטרענגטען בליק, האט ער אויך אזוי לאנגזאם אויסגעשטרעקט די האנד, אנגעטאפט דעם ליכט־ראהר און אנגעצונדען פייער. נאכדעם איז ער אויפגעשטאנען און, ניט

אָנטהאָנדיג די פּאַנטאָפֿעל, מיט באָרפֿיסע פֿיס איבער'ן טעפּיך, אַרומגעגאַנגען איבער'ן פֿרעמדען אונבעקאַנטען שלאָף-צימער, האָט געפֿינען נאָך אַ ליכט-ראָהר פֿון װאַנד-לאָמפּ און אָנגעצונדען. ס'איז געװאָרען ליכטיג אין אַנגענעהם, און נאָר די צירודערטע בעט מיט דער אױפ'ן בריק אַנידערגעפֿאַלענע קאָלדרע האָט געזאָגט װעגען עפּעס אַ נאָך ניט גאַנץ פֿערבײַגעגאַנגענעם שרעק.

אין נאַכט-װעש, מיט אַ צעשױבערטער פֿון אונרוהיגע בעװעגונגען באָרד, מיט בײזע אױגען, איז דער סאַנאָװניק עהנליך געװען אױף יעדער אַנדערען בײזען אַלטשינקען, װאָס לײַדט פֿון שלאָפֿלאָזיגקײט און אַסטמע. אַקוראַט װי ס'װאָלט איהם ענטבלױזט דער טױדט, װאָס ס'האָבען געגרײט פֿאַר איהם מענשען, אָבגעריסען איהם פֿון דער גדולה און אימפּאָנירענדער פּראַכט, װאָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט — און ס'איז שװער געװען צו גלױבען, אַז דאָס איז בײַ איהם אין האַנד אַזױ פֿיעל מאַכט, אַז דאָס איז זײַן קערפּער, אַזאַ געװעהנליכער אײנפֿאַכער מענשליכער קערפּער, װאָס האָט געזאָלט שרעקליך אומקומען אין פֿײַער און רעש פֿון אַ אונגעהױערער אױפֿרײַסינג. ניט אָנציהענדיג די בגדים און ניט פֿיהלענדיג קײן קעלט, האָט ער זיך געזעצט אין דעם ערשטען שטוהל, אונטערגעלעהנט מיט'ן האַנד די צעשױבערטע באָרד און מיט דער גרעסטער אױפֿמערקזאַמקײט, אין אַ טיפֿער און רוהיגער פֿערזונקענהײט, האָט ער זיך אײנגעשטעלט מיט די אױגען אין דעם געשניצטען אונבעקאַנטען באַלקען.

— אַזױ, הײסט עס, איז די מעשה! אָט פֿאַר װאָס ער איז געװאָרען אַזױ פֿערטרײסעלט און אַזױ אױפֿגערעגט! אָט פֿאַר װאָס דער טױט שטעהט אין װינקעל און טרעט ניט אָב, און קען ניט אי-טרעטען!

— פּראָים! — האָט ער געזאָגט מיט פֿעראַכטונג און שטײַף.

— פּראָים! — האָט ער איבערגע'חזר'ט העכער און האָט אַ ביסעל אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צום טיר, כדי ס'זאָלען הערען די װעמען ער האָט געמײנט. און געמײנט האָט ער די, װעלכע ער האָט ניט לאַנג אָנגערופֿען כװאַטעס און װער ס'האָט איהם פֿון צופֿיעל התמדה דערצעהלט די פּרטים פֿון דעם געפּלאַנטען אָנפֿאַל.

— נו, אַװדאַי, — האָט ער געטראַכט טיעף, מיט אַ פּלוצלונג פֿעסטגעװאָרענעם פֿליסענדען געדאַנק, — דאָס איז דאָך איצט, װען מ'האָט מיר דערצעהלט, װײס איך, און מיך נעהמט אַ פּחד, אָבער אַז ניט, װאָלט איך דאָך ניט געװאוסט און װאָלט רוהיג געטרונקען קאַװע. נו, און נאָכדעם, פֿערשטעהט זיך, דער טױדט, הײסט עס —

צו דען האָב איך אַזוי מורא פאַר'ן טוידט? אָט טהוען מיר וועה די ניערען, און כ'וועל דאָך ווען ס'איז שטאַרבען, און מיך שרעקט ניט, ווייל איך ווייס דערפון ניט. און די פראים האָבען געזאָגט: איינס ביי טאָג, אַייער עקסילענץ. און זיי האָבען געמיינט, די פראים, אַז איך וועל זיך פרעהען, און אָנשטאָדט דעם, האָט ער זיך גע־שטעלט אין ווינקעל און טרעט ניט אָב, ווייל דאָס איז מיין רעיון. און ניט דער טוידט איז שרעקליך, נאָר דער עצם וויסען פון איהם: און ס'וואָלט גאָר אוממעגליך געווען צו לעבען, ווען דער מענש וואָלט געקענט פונקט און בעשטימט וויסען דעם טאָג און די שעה, ווען ער וועט שטאַרבען. און די פראים וואָרענען: איינס ביי טאָג, אַייער עקסילענץ.

ס'איז געוואָרען אַזוי לייכט און אַנגענעהם, אַזוי ווי עמיץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז ער איז גאָר אין גאַנצען אונשטערבליך און וועט ניט שטאַרבען קיין מאָל ניט. און פון דאָס ניי פיהלענדיג זיך שטאַרק און קלוג צווישען דער דאָזיגער סטאַדע פראים, וואָס רייסען זיך אַריין אַזוי אומגעלומפּערט און פרעך אין דאָס געהיימניס פונ'ם עתיד, האָט ער זיך פערטראַכט איבער דעם תענוג פון אומוויסען מיט שווערע רעיונות פון אַנ'אַלטען, קראַנקען אַ סך אויסגעשטאַנענעם מאַן. קיין לעבעדיגער בעשעפעניש, ניט דעם מענשען און ניט דער חיה, איז ניט ענטפּלעקט דער טאָג און שעה פון זיין טוידט. אָט איז ער געווען קראַנק ניט לאַנג, און די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ער וועט שטאַרבען, אַז מ'מוז אַ צואה שרייבען — און ער האָט זיי ניט געגלויבט און איז טאַקי געבליבען לעבען. און אין דער יוגענד איז געווען אַזוי: ער האָט זיך פערפּלאָנטערט אינ'ם לעבען און האָט בעשלאָסען אָנטהאָן זיך אַ טוידט; און אַ רעוואָלווער האָט ער צוגעגרייט, און בריעף אָנגעשריבען, און האָט אפילו די שעה בעשטימט — און פאַר'ן סאַמע טוידט האָט ער פלוצלונג הרטה גע־קראָגען. און שטענדיג, אין דעם סאַמע לעצטען אויגענבליק, קאָן זיך וואָס אומבייטען, קען געשעהען אַנ'אונגעריכטער צופאַל, און דעריבער קען קיינער ניט זאָגען, ווען ער וועט שטאַרבען.

„איינס ביי טאָג, אַייער עקסילענץ" — האָבען איהם געזאָגט די דאָזיגע ליבהאַרציגע המורים, און הגם זיי האָבען געזאָגט נור דערפאַר, וואָס פון טוידט איז פערוואָרענט, שוין דאָס וויסען אַליין פון דער מעגליכער שעה האָט איהם ערפיהלט מיט שרעק. ס'קען זעהר געמאָלט זיין, אַז ווען ס'איז וועט מען איהם טוידטען, נאָר מאָרגען וועט [illegible] ניט זיין — מאָרגען וועט עס ניט זיין — און ער קען שלאָ־פען רוהיג, ווי אַ אונשטערבליכער. פראים, זיי האָבען ניט געוואוסט,

וואָס פאַר אַ גרויסען געזעץ זיי האָבען אָפּגערוקט פון אָרט, וואָס פאַר אַ לאַך געעפענט, בעת זיי האָבען געזאָגט מיט זייער אידיאָטישער ליבליכקייט: „איינס ביי טאָג, אייער עקסילענץ״.

— ניין, ניט איינס ביי טאָג, אייער עקסילענץ, נאָר מ׳ווייס ניט ווען. מ׳ווייס ניט ווען. וואָס?

— גאָר נישט. האָט געענטפערט די שטילקייט — גאָר נישט.

— ניין, דו זאָגסט וואָס.

— גאָר נישט, נאַרישקייטען. כ׳זאָג: איינס ביי טאָג.

און מיט אַ פּלוצלונגען, שאַרפען קימער אין האַרץ האָט ער פערשטאַנען, אַז ער וועט ניט האָבען קיין שלאָף, קיין רוה, קיין פרייד, ביז ס׳וועט ניט פאַריבער די פערפלוכטע, שוואַרצע פון ציפער־בלאַט אַרויסגעכאַפּטע שטונדע. בלויז דער שאָטען פון וויסען וועגען דעם, וועגען וואָס ס׳דאַרף ניט וויסען קיין איין לעבעדיגע בעשעפעניש, איז געשטאַנען דאָרט אין ווינקעל, און דאָס איז גענוג געווען אויף צו פערדינקלען דעם שיין און אַרויפוואַרפען אויף אַ מענשען דעם אומדורכזיכטיגען חושך פון שרעק. דער איין מאָל אויפגערירטער שרעק פון טויט האָט זיך פאַנאַנדערגעשוואומען איבער׳ן גאַנצען קערפער, איינגעגעסען אין די ביינער, געשטרעקט דעם בלאַסען קאָפּ פון אַלע פּאָרען פון קערפער.

ניט פאַר די מאָרגענדיגע מערדער האָט ער איצט מורא געהאַט — זיי זענען פערשוואונדען, פערגעסען געוואָרען, צונויפגעמישט זיך מיט דער מתנה פיינדליכע געזיכטער און ערשיינונגען, וואָס רינגלען אַרום זיין מענשליכען לעבען, נאָר פאַר עפּעס אומגעריכטעס און אומפערמיידליכעס: ס׳קען טרעפען אַ אַפּאָפּלעקסיע, דאָס האַרץ קען פּלאַצען, עפּעס אַ נאַרישע אַאָרטע קען פּלוצלונג ניט אויסהאַלטען דעם צופלוס פון בלוט און פּלאַצען, ווי אַ פּעסט אָנגעצויגענע האַנדשוה אויף דיקע פינגער.

און שרעקליך האָט איהם אויסגעוויזען די קורצע דיקע האַלז, און אומערטרעגליך איז געווען צו קוקען אויף די פערשוואומענע קורצע פינגער, פיהלען, ווי זיי זענען קורץ, ווי זיי זענען פול מיט אַ טויטליכער פייכטקייט. און ווען פריהער, אין דער פינסטער, האָט ער זיך בעדאַרפט בעוועגען כדי ניט ענהליך צו זיין אויף אַ מת, איז איצט, אין דעם דאָזיגען העלען, קאַלטפיינדליכען, שרעקליכען ליכט, האָט אויסגעוויזען שרעקליך, אומעגליך אַריהר צו טהאָן זיך, צו דערלאַנגען אַ פּאַפּיראָס — אַ קלונג צו טאָן. די נערווען זענען אַלץ געשפּאַנטער געוואָרען. און יעדער נערוו איז געגליכען געווען צו אַני־אויפגעשפּרונגענעם, אויסגעבויגענעם דראָט, אויף וועמעס שפּיץ ס׳איז

אַ קליינטשיקער קעפּעל מיט משונה פון שרעק אויסגעגלאָצטע אויגען, מיט אַ קראַמפּפהאַפט־פאַנאַנדערגעעפענטען, דערשטיקטען, שטומען מויל. ניטאָ מיט וואָס צו אָטהמען.

אין פלוצלונג, אין דער פינסטער, צווישען שטויב און שפּינעכץ, ערגעץ וואו אונטער'ן באַלקען האָט אָבגעלעבט דער עלעקטרישער גלעקעל. דער קליינטשקער מעטאַלישער צינגעל האָט זיך קראַמפּפהאַפטיג, אין שרעק, געקלאַפּט אין ברעג פונ'ם קלינגענדען דעקעל. — אַנשווייגען ווערען — און ווידער געצאַפּעלט זיך אין אַנ־אונאויפהערליכען שרעק און קלינגעריי. דאָס האָט געקלונגען פון צימער זיין עקסילענץ.

ס'האָבען גענומען לויפען מענשען. דאָ און דאָרטען, אין די ליוסטרעס און איפ'ן וואַנד האָבען אויפגעפלאַמט איינצעלנע לעמפּלאַך — זיי זענען ווייניג געווען אויף צו באַלייכטען, נאָר גענוג, אַז ס'זאָלען ערשיינען שאָטענס. אומעדום האָבען זיי זיך באַוויזען: אויפגעשטאַנען אין די ווינקלען, אויסגעצויגען זיך איבער'ן באַלקען; ציטערנד, שטשעמענדיג זיך פאַר יעדער משופּע'דיג אָרט, האָבען זיי זיך צוגעטוליעט צום וואַנד; און ס'איז שווער געווען צו פערשטעהן, וואו האָבען זיך געפונען פריהער אַט די אַלע אונענדליך פילע, העסליכע, שווייגיגע שאָטענס, די שטימלאָזע נשמות פון די שטימלאָזע חפצים.

עפּעס הויך האָט גערעדט אַ געדיכטע ציטערנדע שטים. נאָכדעם האָט מען אַ דאָקטאָר דורכ'ן טעלעפאָן אַרויסגערופען; דעם סאַנאַטאָניק איז ניט גוט געוואָרען. מ'האָט אויך אַרויסגערופען די פרוי פון זיין עקסילענץ.

2. צום טויט־שטראָף דורך הענגען.

ס'איז אויסגעקומען אַזוי, ווי די פּאָליציי האָט גערעכענט. פיער טערראָריסטען, דריי מאַנסביל און איין פרויענצימער, אָנגעלאָדען מיט באָמבעס, טייפעל־מאַשינעס און רעוואָלווערען, האָט מען געכאַפּט ביים סאַמע פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, אַ פינפטע — געפונען און אַרעסטירט אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, פון וועלכער זי איז געווען די ב"ב. דערביי האָט מען פערכאַפּט אַ סך דינאַמיט, האַלב־אָנגעפילטע באָמבעס און געוועהר. אַלע אַרעסטירטע זענען געווען זעהר יונג: דעם עלטערען פון די מאַנסביל איז געווען אַכט און צוואַנציג יאָהר, דער איינגערער פון די פרויענצימער — ניט מעהר ווי ניינצעהן. געמ'שפּט האָט מען זיי אין דער זעלביגער פעסטונג, וואוהין מ'האָט

זיי פערזעצט נאכ'ן ארעסט, געמשפט געשווינד און אין שטילקייט, ווי ס'פלעגט געטהאן ווערען אין יענער אכזריות'דיגער צייט.

ביים געריכט זענען אלע פינף געווען זעהר רוהיג, נאר זעהר ערנסט און זעהר פערטראכט; אזוי גרויס איז געווען זייער פער־אכטונג צו די ריכטער, אז קיינעם האט זיך ניט געוואלט מיט אני־איבעריגען שמייכעל אדער מיט א געמאכטער פרעהליכער מינע אויסצופייגען זיך מיט זיין מוטה. פונקט אויף אזוי פיעל זענען זיי געווען רוהיג, אויף וויפיל עס איז נויטיג, צו פערשטעלען די אייגענע נשמה און דעם גרויסען חשך פון דער לעצטער שעה פון א פרעמדען, בייזען און פיינדליכען בליק. אמאל פלעגען זיי זיך אבזאגען פון צו ענטפערען, אמאל ענטפערען — קורץ איינפאך און גענוי, אקוראט ווי ניט פאר ריכטער, נאר פאר סטאטיסטיקער אויף צו פערצייכענען אין געוויסע טאבעלען. דריי, איין פרויענצימער און צוויי מאנזביל, האבען אנגערופען זייערע אמת'ע נעמען, צוויי האבען זיך ענטזאגט אנצורופען זיי און זענען געבליבען פאר'ן געריכט אונבעוואוסט. און צו אלי'ן, וואס ס'איז פארגעקומען ביים געריכט, האבען זיי ארויס־געוויזען יענע ווייכליגע נייגיריגקייט, ווי א שטיגער ביי מענשען, וואס זענען אדער שווער קראנקע אדער פערכאפט פון איין אונ־געהייערען אלין־פערשלינגענדען געדאנק. געשווינד פלעגען זיי זיך אומקוקען, כאפען אין מיטען וועלכען ס'איז ווארט, וואס איז מעהר אינטערעסאנט ווי די איבעריגע — און ווידער אנהויבען צו טראכטען, פון יענעם ארט, אויף וועלכען ס'האט זיך אבגעשטעלט דער געדאנק.

נעהענטער ווי אלע צו די ריכטער איז געזעסען דער, וואס האט זיך אנגערופען סערגיי גאלאווין, א זוהן פון אני־אויסגעדינטען פאלקאווניק, אליין א געוועזענער אפיציר. דאס איז גע־ווען נאך גאר א יונגער מאן, א בלאנדער, מיט ברייטע פלייצעס, אזא געזונטער, אז ניט די טורמע און ניט דאס ערווארטען פון דעם אונפערמיידליכען טוידט האבען ניט געקענט אבווישען די פארב פון זיין געזיכט און דעם אויסדרוק פון א יונגער, גליקליכער תמימות פון זיינע בלויע אויגען. די גאנצע צייט האט ער ענערגיש געצופט זיין צושויבערט בלאנד בערדיל, צו וועלכען ער איז נאך ניט גע־וואהנט געווארען, כסדר געקוקט אין פענסטער, בעת מעשה געבלינ־צעלט און געפינטעלט מיט די אויגען.

דאס איז געשעהן ענדע ווינטער, ווען צווישען די שנעאיגע שטורעמס און דונקעלע פראסטיגע טעג האט דער ניט ווייטער פריה־לינג געשיקט, ווי זיין שליח, א העלען ווארמען זוניגען טאג אדער אפילו נאר איין שעה, נאר מיט אזוי פיעל פריהלינגס־חיות, אזא דארשטיג

יונגע און פינקעלדיגע, אַז די שפערלינגען אויפ'ן גאַס זענען ווי פון זינען אַראָב פון פרייד און די מענשען זענען ווי פער'שכור'ט געוואָרען. און איצט, אין דער אויבערשטער, פערשטויבטער פון דעם עבר'דיגען זומער ניט אויסגעווישטער שויב איז געווען צו זעהן זעהר אַ מאָדנעם און שענעם הימעל: אויפ'ן ערשטען בליק האָט ער אויסגעוויזען ווי אַ מילך-גרויער, מיט אַ רויך-קאָליר, און ווען מ'זאָל זיך איינקוקען לענגער — האָט אין איהם גענומען אַרויסטרעטען אַ בלאָהקייט, אָנגעהויבען צו בלויען אַלץ טיעפער — אַלץ העלער, אַלין גרענצלאָזער. און דאָס, וואָס ער האָט זיך ניט ענטפלעקט מיט איין מאָל, און נאָר צניעות'דיג זיך פערבאָרגען אין דעם רויך-שלייער פון די הערבסטליכע וואָלקענס, האָט איהם געמאַכט חנ'ודיג, ווי אַ מיידעל, וואָס מ'האָט ליעב; און סערגיי גאָלאָווין האָט געקוקט אין הימעל, געצופט דאָס בערדיל, געבלינצעלט דאָס מיט איין דאָס מיט'ן אַנדער אויג, מיט די לאַנגע, געדיכטע ברעמען און האָט וואָס שטאַרק משער געווען. איין מאָל האָט ער אפילו געשווינד אָנגעהויבען צו מאַכען מיט די פינגער און נאַאיוו דאָס געזיכט פערקנייטשט פון עפּעס אַ פרייד — נאָר האָט אַ בליק געטהאָן אַרום און איז פערלאָשען געוואָרען, ווי אַ פונק, אויף וועלכען מ'האָט אַרויפגעטראָטען מיט'ן פוס. און כמעט אין איין מאָמענט, דורכ'ן פאַרב פון די באַקען, כמעט ניט איבערגעהענדיג אין בלאַסקייט, איז אַרויסגעטראָטען אַנ'ערדיגע, טוידטע בלאָהקייט; און דער פוכקער האָהר, מיט וועהטאָג אויסרייסענדיג זיך פון נעסט, האָט זיך ווי אין צוואַנגען צונויפגעדריקט אין די ביים שפּיץ פערבלאַסטע פינגער. נאָר די פריידיגקייט פון לעבען און דער פריהלינג איז געווען שטאַרקער — און אין עטליכע מינוט האָט דאָס פריהעריגע יונגע נאַאיווע געזיכט ווידער געצויגען זיך צום פריהלינגס-הימעל.

אויך אַהין, אין הימעל, האָט געקוקט דאָס יונג, בלאַס מיידעל, די אונבעוואוסטע, מיט צונעמעניש מוסיא. זי איז געווען אינגער, ווי גאָלאָווין, נאָר האָט אויסגעוויזען עלטער אין איהר שטרענגקייט, אין דער שוואַרצקייט פון איהרע אָפּגעהערציגע און שטאָלצע אויגען. נאָר דער זעהר דינער צאַרטער האַלז, און אויך אַזעלכע דינגע מיידעלשע הענד האָט געזאָגט וועגען איהר עלטער; און נאָך עטוואָס אַזוינס פערבאָרגענעס, וואָס האָט קיין נאָמען, וואָס איז די יוגענד אַליין און וואָס האָט געקלונגען אַזוי קלאָר אין איהר שטים, דער ריינער, האַרמאָנישער, פאָרוואורפלאָז-איינגעשטעלטער, ווי אַ טייערער אינסטרומענט, אין יעדער איינפאַך וואָרט, אויסגעשריי, וואָס ענטפלעקט איהר מוזיקאַלישען אינהאַלט. געווען איז זי זעהר בלאַס, נאָר ניט

מיט אַ טוידטליכער בלאַסקייט, נאָר מיט יענעם אייגענטהימליכען זודיגען בלאַנק, ווען אין די טיעפענישען פון מענשען איז אַזוי ווי אָנגעצונדען אַ אונגעהויערער שטאַרקער פייער, און דער קערפער טהוט הערצוויכטיג לויכטען, ווי דער פיינער סעדרוויער פאַרפאָר. געזעסען איז זי כמעט ניט רירענדיג מיט קיין גליעד, און נאָר צייטענווייז, מיט אַ ניטבעמערקטער בעוועגונג פון די פינגער, פלעגט זי טאַפּען דעם געדונצעלטען שטריך אויפ'ן מיטעלען פינגער, אַן'איבערגעבליבענער סימן פון אַ ניט לאַנג אויסגעטהאָנענעם רינג. און אויפ'ן הימעל האָט זי געקוקט אָהן ליבשאַפט און אָהן פרעהליכע ערינערונגען, נאָר צוליב דעם, וואָס אין דעם גאַנצען שמוציגען קאַזיאָנעם זאַל איז דער דאָזיגער בלויער שטיקעל הימעל געוועזען דער סאַמע שענער, דער סאַמע ציכטיגער און דער סאַמע גערעכטיגער — און האָט גאָר נישט אויסגעפילצט ביי איהרע אויגען.

אויף סערגיי גאַלאָווינ'ען האָבען די ריכטער רחמנות געלעגט, זי האָבען זיי געהאַסט.

אויך אונבעוועגליך, אין אַ ביסעל אַ גאווה'דיג־צונגעבלאָזענער פּאָזע, צונויפגעהמענדיג די הענד צווישען די פיס, איז געזעסען איהר שכן, דער אונבעוואוסטער, וועלכען מ'האָט גערופען ווערנער. איב אַ געזיכט קען מען פערשליסען ווי אַ שטשילנע טיר, איז זיין געזיכט האָט דער אונבעקאַנטער פערשלאָסען, ווי אַן'אייזערנע טיר און אַ שלאָס אויף איהר האָט ער אויפגעהאַנגען אַן'אייזערנעם. געקוקט האָט ער אַראָב אויף דער ברעטערדיגער שמוציגער פאָדלאָגע, און מ'האָט ניט געקענט פערשטעהן: צו ער איז רוהיג אָדער אויסער זיך פון אויפרעגונג, צו קלערט ער וועגען וואָס ס'איז אָדער הערט זיך איין, וואָס ס'בעווייזען ביים געריכט די שפּיאָנעם. ער איז געוועזען פון נידעריגען וואוקס; זיינע געזיכטס־שטריכען זענען געוועזען פיין און איידעל. צאַרט און שען אַזוי, אַז ער האָט דערמאָהנט אַ לבנה־נאַכט ערגעץ וואו אויפ'ן דרום, אויפ'ן ברעג ים, וואו קיפּאַריסען שטעהען און שוואַרצע שאָטענס פון זיי, האָט ער צו גלייכער צייט געוועקט אַ געפיהל פון אַ אונגעהויערער רוהיגער קראַפט, פון אַ אונבעזיגבאַרער שטייפקייט, פון קאַלטען און דרייסטען העלדענמוט. אפילו די העפליכקייט, מיט וועלכע ער האָט געגעבען קורצע און גענויע ענטפערען, האָט אויסגעוויזען געפעהרליך אין זיינע ליפּען, אין זיין האַלב־פערנויגען זיך; און אויב אויף די איבעריגע האָט דער אַרעסטאַנטען־כאַלאַט אויסגעזעהן ווי אַן'אומגעלומפּערטער שפּאַס, איז אויף איהם האָט ער זיך גאָר ניט געזעהן — אַזוי פרעמד איז געוועזען דער בגד דעם מענשען. און הגם

ביי די איבעריגע טעראָריסטען האָט מען געפֿונען באָמבעס און טייז ווען־מאַשינעס, און ביי ווערנער'ן בלויז אַ שוואַרצען רעוואָלווער, האָבען די ריכטער דאָך גערעכענט איהם פֿאַר דעם הויפּטפֿיהרער און געווענדעט זיך צו איהם מיט אַ געוויסער אַכטונג, אויך קיהל און זאַכליך.

דער, וואָס איז געזעסען נאָך איהם, וואַסילי קאַשירין, איז בעשטאַנען דורך און דורך פֿון איין אונערטרעגליכען שרעק פֿאַר'ן טוידט און פֿון אויך אַזאַ פֿערצווייפֿעלטען בעגעהר איינצוהאַלטען דעם דאָזיגען שרעק און ניט אַרויסווייזען איהם פֿאַר די ריכטער. פֿון סאַמע פֿריהמאָרגען, ווי נאָר מ'האָט זיי אָבגעפֿיהרט צום געריכט, האָט ער זיך גענומען שטיקען פֿון אַ שטאַרקער האַרץ־קלאַפּעניש; אויפֿ'ן שטערען פֿלעגט די גאַנצע צייט אַרויסטרעטען טראָפּען־ווייז אַ שווייס, אויך אַזוי שווייסיג און קאַלט זענען געווען די הענד און ס'האָט זיך געקלעבט צום קערפּער, שטערענדיג זיינע בעוועגונגען, די קאַלטע, שווייסיגע העמד. מיט אַ איבערנאַטירליכער אָנשטרענגונג פֿונ'ם ווילען האָט ער איינגעהאַלטען די פֿינגער פֿון צו ציטערן, די שטים איז געווען שטייף און קלאָר, די אויגען רוהיג. אַרום זיך האָט ער גאָר ניט געזעהן, די שטימען פֿלעגט ער פֿערנעהמען ווי פֿון אַ נעבעל, און אין דעם זעלביגען נעבעל האָט ער געשיקט זיין פֿערצווייפֿעלטע אָנשטרענגונג — צו ענטפֿערען שטייף, ענטפֿערען הויך. נאָר ענטפֿערענדיג, פֿלעגט ער באַלד פֿערגעסען אי די פֿראַגע אי זיין ענטפֿער, און האָט שטום און שרעקליך געראַנגעלט זיך. און אַזוי בולט איז אַרויסגעטראָטען אויף איהם דער טוידט, אַז די ריכטער האָבען אויסגעמיידט צו קוקען אויף איהם, און ס'איז שווער געווען צו בעשטימען זיין עלטער, ווי ביי אַ מת, וואָס האָט שוין אָנגעהויבען צו פֿוילען. נאָכ'ן פּאַספּאָרט איז איהם געווען ניט מעהר ווי 23 יאָהר. איין אָדער צוויי מאָל האָט ווערנער שטיל צוגעלעגט די האַנד צו זיין קניע און יעדער מאָל האָט ער געענטפֿערט מיט איין וואָרט:

— נישקשה.

דאָס סאַמע שרעקליכע איז געווען פֿאַר איהם, ווען פּלוצלונג האָט זיך ערוועקט אין איהם אַ אונערטרעגליכער בעגעהר צו שרייען — אָהן ווערטער, מיט אַ טירישען פֿערצווייפֿעלטען געשריי. יענסמאָל האָט ער שטיל אָנגערירט ווערנער'ן און יענער, ניט אויפֿהויבענדיג די אויגען, האָט געענטפֿערט שטיל:

— נישקשה, וואַסיע. באַלד וועט נעהמען אַ סוף.

און אַלעמען אַרומנעהמענדיג מיט אַ מוטערליכען צערטליכען בליק, איז פֿערגאַנגען פֿון עגמת־נפש די פֿינפֿטע טעראָריסטקע, טאַניע

קאוואלטשיק. זי האט קיין מאל ניט געהאט קיין קינדער, זי איז געווען נאך זעהר יונג און מיט רויטע באקען, ווי סערגיי גאלאווין, נאר האט אויסגעזעהן ווי א מוטער פון די אלעמען פיער: אזוי פערדארגט, אזוי אונענדליך ליבעפול זענען געווען אירע בליקען, שמייכלען, שרעקען. אויפ'ן געריכט האט זי זיך ניט אומגעקוקט, ווי אויף עפעס גאנץ פרעמדעס, און האט נאר צוגעהערט, ווי ס'ענטפערען די איבעריגע: צי ציטערט ניט די שטים, צי האט ווער ניט מורא, צי דארף מען ניט דערלאנגען וואסער.

אויף וואסיע'ן האט זי ניט געקענט קוקען פון צער און האט בלויז שטיל געבראכען אירע פולקע פינגער; אויף מוסיע'ן און ווערנער'ן האט זי געקוקט מיט שטאלץ און אכטונג, און א געזיכט האט זי געמאכט אנ'ערנסטען און פערקלערטען, און סערגיי גאלאווינ'ען האט זי אלין געסטארעט זיך איבערצוגעבען איהר שמייכעל:

— ליבער, אויפ'ן הימעל קוקט ער. טהו א קוק, טהו א קוק, טייערער — האט זי געטראכט וועגען גאלאווינ'ען.

— און וואסיע? וואס איז דאס, גאט מיינער, גאט מיינער... וואס טהו איך מיט איהם? זאגען עפעס — מ'קען נאר ערגער מאכען: טאמער צעוויינט ער זיך?

און ווי א שטילער טייכעל פאר'ן זונענאויפגאנג, וואס שפיגעלט אב יעדען פארביילויפענדען וואלקען, האט זי אבגעשפיגעלט אויפ'ן פילען, הנ'עווריג־גוטמוטיגען געזיכט אירען יעדע געשווינדע איבערלעבעניש, יעדען געדאנק פון יענע, פון די פיער. וועגען דעם, וואס איהר משפט'ן איין און מ'וועט אויך אויפהענגען, האט זי גאר אין גאנצען ניט געטראכט — איז זי געווען גאר קאלט. דאס האט מען ביי איהר אויפ'ן קווארטיר ענטדעקט די בעהאלטענע באמבעס און רעוואלווערן; און ווי מאדנע דאס זאל ניט אויסווייזען — זי האט עס בעגעגענט די פאליציי מיט קוילען און פערוואונדעט א שפיאן אין קאפ.

דער געריכט האט זיך געענדיגט א זייגער אכט, אז עס איז שוין דונקעל געווען. ביסלעכווייז האט אויסגעלאשען פאר מוסיע'ן און גאלאווינ'ען דער בלויענדער הימעל, ער האט זיך ניט פערצויגען מיט א ראזען קאליר, האט ניט שטיל א שמייכעל געטהאן, ווי אין די זומער־אווענדען, נאר פערכמארעט, פערגרויט, איז פלוצלונג געווארען א קאלטער און ווינטערדיגער. גאלאווין האט א זיפץ געטהאן, אויסגעצויגען די גלידער, נאך א פאר מאל א קוק געטהאן אין פענסטער, נאר דארטען איז געשטאנען א קאלטע נאכטיגע פינסטערניש; און צופעלדיג די בערדעל, האט ער אנגעהויבען מיט א קינדעשער

נײגיריגקײט אַרומצוקוקען די ריכטער, די סאָלדאַטען מיט די ביקסען, האָט אַ שמײכעל געטהאָן צו טאַניע קאָוואַלטשוק. מוסיע, אַז דער הימעל איז אויסגעלאָשען געוואָרען, האָט רוהיג, ניט אַראָבלאָזענדיג די אויגען צו דער ערד, איבערגעפיהרט זיי אויף אַ ווינקעל, וואו אַ שפּינעוועב האָט זיך שטיל געוויגט פון דער אומבעמערקבאַרער וואַרימקײט, וואָס איז געגאַנגען פון דער פאַר־געהייצונג, און אַזוי איז זי זיצען געבליבען, ביז מ'האָט ערקלערט דעם פסק־דין.

נאָכ'ן פסק־דין, אָבזעגענענדיג זיך מיט די אַדוואָקאַטען אין די שוואַרצע פראַק, אויסמײדענדיג צו קוקען זיי אין די אויגען, וואָס האָבען אויסגעזעהן אַזוי הילפלאָז פערלאָרען, רחמנות'דיג און ווי שולדיג, האָבען די אָנגעקלאָגטע צוזאַמענגעטראָפען זיך אויף אַ מינוט ביים טיר האָבען זיך דורכגערעדט מיט קורצע פראַזען.

— נישקשה, וואַסיע. באַלד וועט נעהמען אַ סוף — האָט געזאָגט ווערנער.

— מיר, ברודער, האַרט ניט — הויך, רוהיג און אפילו בלומרשט פריידליך האָט געענטפערט קאַשירין. און זיין געזיכט האָט באמת בעקומען אַ לײכט־ראָזען קאָליר און האָט שוין ניט אויסגעזעהן ווי אַ געזיכט פון אַ מת, וואָס הויבט שוין אָן צו פוילען.

— רוחות זאָלען זיי נעהמען, טאַקי אויפגעהאַנגען, — האָט נאַאיוו אויסגעזידעלט זיך גאָלאָווין.

— מ'האָט זיך געדאַרפט דערויף ריכטען — האָט געענטפערט ווערנער רוהיג.

— מאָרגען וועט ערקלערט ווערען דער פסק־דין אין דער ענדגילטיגער פאָרם און מ'וועט אונז אַוועקזעצען צוזאַמען — האָט געזאָגט קאָוואַלטשוק, טרייסטענדיג, — ביז'ן סאַמע סוף וועלען מיר זיין צוזאַמען.

מוסיע האָט געשוויגען. נאָכדעם האָט זי ענטשידען זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס.

3. מ'דאַרף מיך ניט הענגען.

מיט צוויי וואָכען פריהער, ווי מ'האָט געמשפט די טעראָריסטען, האָט דער זעלביגער מיליטער־געריכט, נאָר מיט אַנדערע ריכטער, געמשפט און פערמשפט צום טוידט דורך הענגען איוואַן יאַנסאָן, אַ פויער.

אָט דער איוואַן יאַנסאָן איז געוועזען אַ פאַראָבאָק ביי אַ פערמעגליכען פערמער, און האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכענט

פֿון אַנדערע אַזעלכע איינזאַמע הימלאָזע פּאַראָבקעס. אַ געבאָרע־נער איז ער געוועזן אַ עסטאָנער, פֿון וועזענבערג, און ביסלעכווייז, אין אַ משך פֿון עטליכע יאָהר, איבערגעהענדיג פֿון איין פֿערמע אויף דער צווייטער, האָט ער זיך איבערגערוקט ביז צו דער סאַמע הויפּט־שטאָדט. רוסיש האָט ער גערעדט זעהר שלעכט, און אַזוי ווי זיין בעל־הבית איז געוועזן אַ רוס, מיט'ן נאָמען לאַזאַרעוו, און עסטאָנער זענען אין שכנות ניט געוועזן, האָט יאַנסאָן כמעט די גאַנצע צוויי יאָהר געשוויגען. אַ פּנים, אויך בכלל איז ער ניט געוועזן קיין גרויסער בעלן אויף ריידען, און געשוויגען האָט ער ניט נאָר מיט מענשען, נאָר אויך מיט פֿיעה: שווייגענדיג האָט ער געפּאָיעט דעם פֿערד, שווייגענדיג איינגעשפּאַנט איהם, לאַנגזאַם און פֿויל דרעהענדיג זיך אַרום איהם מיט קליינע ניט־זיכערע טריט, און אַז דער פֿערד, אונ־צופֿרידען פֿון דעם שווייגען, פֿלעגט אָנהויבען צו קאַפּריזען און שטיפֿען, פֿלעגט ער שווייגענדיג שלאָגען איהם מיט אַ קנוט. געשלאָגען האָט ער איהם מיט אכזריות, מיט אַ קאַלטער און בייזער האַרט־נעקיגקייט, און ווען דאָס פֿלעגט זיך טרעפֿען אין יענער צייט, ווען ער איז געוועזן אין דעם שווערען צושטאַנד פֿון אויסניכטערען זיך, פֿלעגט ער דערגעהן ביז רציחה. יענסמאָל פֿלעגט זיך טראָגען ביז'ן סאַמע הויז דאָס פּייפֿען פֿון קנוט און די צושראָקענע, דראָבנע, שמער־צפֿולע קלאַפּערייַ פֿון די קאָפּיטעס איבער דער ברעטערנער פּאָדלאָגע פֿון שטאַל. דערפֿאַר, וואָס יאַנסאָן האָט געשלאָגען דעם פֿערד, האָט דער בעל־הבית איהם געשלאָגען, נאָר קיין פּעולה איז דערפֿון ניט אַרויס, און ער האָט איהם צו רוה געלאָזט.

אַמאָל אָדער צוויי אין חודש פֿלעגט זיך יאַנסאָן אָנ'שיכור'ן. אין פֿאַרקומען פֿלעגט עס געוועהנליך אין יענע טעג, ווען ער פֿלעגט אָבפֿיהרען דעם בעל־הבית אויף דער גרויסער אייזענבאַהן־סטאַנציע, וואו ס'איז געוועזן אַ בופֿעט. אַראָבזעצענדיג דעם בעל־הבית, פֿלעגט ער אָבפֿאָהרען אַ האַלב ווערסט פֿון סטאַנציע און דאָרטען, פֿער־גראָבענדיג אין שנע אָן אַ זייט פֿון וועג דעם פֿערד און שליטען, פֿלעגט ער אָבוואַרטען ביז'ן אָבגאַנג פֿון צוג. דער שליטען פֿלעגט שטעהן אויף אַ זייט, כמעט ליגען, דער פֿערד איז ביז'ן בויך גע־שטאַנען אין אַ קופּע שנע, מיט פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע פֿיס און צוויי־טענווייז געבויגען אַראָב די מאָרדע, כדי אַ לעק צו טהאָן דעם ווייכען פּוכקען שנע, און יאַנסאָן פֿלעגט האַלב ליגען אין אַ אונבעקוועמער פּאָזע אויפֿ'ן שליטען, און אַזוי ווי דרעמלען. די פֿאַנאַנדערגעבונ־דענע איבעראויערען פֿון זיין אָבגעקראָכענער פֿוטער־היטעל פֿלעגען מאַכטלאָז אַראָבהענגען, ווי די אויערען ביי אַ יאַגד־הונד, און ס'איז

געוועזן פֿײַלט אינטער זײַן קלײנעם רויטליכען נעזעל. נאָכדעם פֿלעגט יאַנסאָן אומקעהרען זיך אויפֿ'ן סטאַנציע און געשווינדע אָנ'שיכור'ן זיך.

צוריק אין פֿערמע, די גאַנצע צעהן וויאָרסט, פֿלעגט ער פֿליהען גאַלאָפּ. דער צו'מויק'טער, מבולבל'ער פֿערדעל פֿלעגט שפּרינגען מיט אַלע פֿיער פֿיס, ווי אַ אונטערגעצונדענער, דער שליטען פֿלעגט זיך וואַרפֿען, פֿערדרעהען, קלאַפּען אָן די סלופּעס, און יאַנסאָן, אָבלאָזענדיג די לייצעס און יעדער מינוט כמעט אַרויספֿליהענדיג פֿון שליטען, האָט אַזוי ווי געזונגען אָדער אויסגעשריען עפּעס אויף עסטאָניש מיט אָבגעהאַקטע בלינדע פֿראַזען. און אָפֿטער האָט ער אַפּילו ניט געזונגען, נאָר שווייגענדיג, שטאַרק פֿערקוועטשענדיג די צײן פֿון אַ ניאָנפֿאַל פֿון אינבעוואוסטער רציחה, שמערץ און ענטציקונג, פֿלעגט ער זיך טראָגען פֿאָראויס און איז געווען ווי אַ בלינדער: האָט ניט געזעהן די פֿערבייגעהער, פֿלעגט ניט שרייען, מ'זאָל לאָזען דורך דעם וועג, ניט פֿערלאַנגזאַמען דעם ווילדען גאַלאָפּ ניט בײם פֿערקירעווען און ניט אויף די משופּע'דיגע ערטער. ווי אַזוי האָט ער ניט איבערגעפֿאָהרען עמיצען, ווי אַזוי האָט ער זיך אַליין ניט צו'מויק'ט אין איינע פֿון די ווילדע נסיעות, — איז ניט צו פֿערשטעהן.

מ'האָט איהם שוין לאַנג געזאָלט אַרויסטרייבען, ווי מ'פֿלעגט איהם אַרויסטרייבען פֿון די איבעריגע ערטער, נאָר ער איז געווען ביליג און אַנדערע פֿאַראָבקעס פֿלעגען אויך זײַן ניט בעסער, און אַזוי איז ער געבליבען צוויי יאָהר. קיינע געשעהענישען אין יאַנסאָנ'ס לעבען זענען ניט געווען. איין מאָל האָט ער בעקומען אַ בריעף אויף עסטאָניש, נאָר אַזוי ווי אַליין האָט ער ניט געקענט לעזען, און די איבריגע האָבען ניט פֿערשטאַנען קיין עסטאָניש, איז דער בריעף אַזוי געלעגען ניט קיין איבערגעלעזענער; און עפּעס מיט אַ ווילדער, פֿאַנאַטישער קאַלטקייט, ווי ער וואָלט ניט פֿערשטעהן, אַז דער בריעף ברענגט אַ בשורה פֿון דער היימאַט, האָט יאַנסאָן אַ וואָרף געטהאָן איהם אין מיסט. יאַנסאָן האָט נאָך אויך געפּרובט פֿערפֿיהרען אַ ליעבע מיט דער קעכין, קענטיג בענקענדיג נאָך אַ פֿרויענצימער, נאָר ס'האָט איהם ניט געגאָלטען, מ'האָט איהם גראָב ענטזאַגט און אויסגעלאַכט: געוועזן איז ער פֿון נידעריגען וואוקס, אַ דאַרינקער, אַ געזיכט האָט ער געהאַט מיט זומערשפּרינקלאַך, אַ דראָבנע, און שלעפּעריגע אויגען מיט אַ שמוציגען פֿלאַש־קאָליאָר, און זײַן ניט ערפֿאָלג האָט יאַנסאָן בעגעגענט קאַלט און מעהר איז ער צו דער קעכין ניט צוגעשטאַנען.

נאָר ווייניג גערעדט, האָט יאַנכאָן די גאַנצע צייט צו עפּעס זיך צוגעהערט. ער האָט פערנומען אין דעם פערראומערטען שנע-פעלד מיט די בערגלאך פערפראָרענע מיסט, עהנליך צו א שורה קליינ-ניטשקע מיט שנע-פערבראָגענע קברים, אין די בלויע צאַרטע האָריזאָנטען, אין די הוד׳שענע טעלעגראַף-כלופּעס, אין די געשפּרעכען פון די מענשען. וואָס האָבען אים גערעדט דאָס פעלד און די טעלעגראַף-כלופּעס, האָט געוואוכט נאָר ער אליין, און די געשפּרעכען פון די מענשען זענען געווען אייגרוהיגע, פול מיט קלאַנגען וועגען הריגות, וועגען גזילות, וועגען אונטערצינדענישען. און איין מאָל ביי נאַכט האָט זיך געהערט, ווי אין דעם שכנ׳ישען דערפעל האָט דין און הילפסלאָז געקלונגען אויפ׳ן קירכע דער קליינער גלאָק, עהנליך ווי א גלעקעל, און ס׳האָט געקנאַכט דער פלאַם פון א שריפה: דאָס האָבען עפּעס אָנגעפאָדרענע בעראַבעוועט א רייכע פערמע, דעם בעל-הבית און זיין פרוי דער׳הרג׳עט, און די שטוב אונטערגעצונדען.

און אויך אויף זייער פערמע האָט מען געלעבט אין אנגסט: ניט נאָר ביי נאַכט, נאָר אפילו ביי טאָג פלעגט מען אראָבלאָזען די הינד, און דער בעל-הבית פלעגט ביי נאַכט לעגן ביי זיך א ביקס אויך אזא ביקס, נאָר אַנ׳איינרעריגען און אַנ׳אַלטען האָט ער געוואָלט געבען יאַנסאָנ׳ען, נאָר יענער האָט א קעהר געטהאָן דעם ביקס אין האַנד, א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט זיך עפּעס אָבגעזאָגט. דער בעל-הבית האָט ניט פערשטאַנען, למאי ער זאָגט זיך אָב, און האָט אויסגעזידעלט יאַנכאָנ׳ען, און די סיבה איז געלעגען דערין, וואָס יאַנסאָן האָט מער פערטרויט דעם כח פון זיין פינישען מעסער, איידער דעם דאָזיגען אלטען, פערראָסטען חפץ.

— עס וועט נאָך מיך אליין דער׳הרג׳ענען — האָט געזאָגט יאַנסאָן, שלעפעריג קוקענדיג אויפ׳ן בעל-הבית מיט גלעזערנע אויגען. און דער בעל-הבית האָט מיט פערצווייפלונג א מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד:

— אוי ביזטו א שוטה, איוואַן. נעהם לעב דאָ מיט אזעלכע בריות.

און אָט דער זעלביגער איוואַן יאַנסאָן, וועלכער האָט ניט פערטרויט דעם ביקס, האָט אין איינעם א ווינטער-אָווענד, בעת דעם צווייטען פאַראָבעק האָט׳ן אָבגעשיקט אויפ׳ן סטאַנציע, אָבגעטהאָן זעהר א האַרבען פערזוך: אויף א בעוואָפענטער גזילה, אויף א מאָ־ד און אויף צו שענדען א פרוי. געטהאָן האָט ער עס עפּעס מאָדנע איינפאַך: פערשפּאַרט די קעכין אין קיך, פויל, מיט א מינע פון א מענשען, וועלכען עס חלש׳ט זיך שלאָפען, איז ער צוגעגאַנגען פון הינטען צום בעל-הבית

און געשווינד, אַמאָל נאָך אַמאָל, דערלאַנגט איהם מיט אַ מעסער אין רוקען. דער בעל־הבית איז געפאַלען אין חלשות, די בעל־הבית'טע האָט זיך גענומען דרעהען איבערן צימער און יאָמערן, און יאַנסאָן, פאַרשטשעמענדיג די צייהן, פאָכענדיג מיט'ן מעסער, האָט אָנגעהויבען אויסצוטרייסלען די קעסטלעך, קאָמאָדען. געקראָגען די געלט, און נאָכדעם אַקוראַט ווי ער וואָלט צום ערשטען מאָל דערזעהן די בעל־הבית'טע און, אונגעריכט פאַר זיך אַליין, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר, כדי צו שענדען, נאָר אַזוי ווי דעם מעסער האָט ער דערביי אַרויסגעלאָזען, האָט די בעל־הבית'טע זיך אַרויסגעוויזען שטאַרקער פאַר איהם און ניט נאָר ניט געלאָזען שענדען זיך, נאָר זי האָט איהם שיער ניט דערשטיקט. און דאָ האָט דער בעל־הבית אָנגעהויבען צו ריהרען זיך, די קעכין האָט גענומען דונערן מיט אַ קאָטשערע, איינזעצענדיג די טיר פון קיך, און יאַנסאָן איז אַנטלאָפען אין פעלד. געכאַפּט האָט מען איהם אין אַ שעה אַרום, בעת ער, זיצענדיג צונויפגעדרעהט הינטער אַ ווינקעל פון שפייכלער, האָט געצונדען איין שוועבעלע נאָך דער אַנדערער, וועלענדיג אונטערצינדען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער בעל־הבית געשטאָרבען פון אַ בלוטפערגיפטונג, און יאַנסאָן'נען, אַז ס'איז געקומען זיין צייט מיט נאָך אַנדערע רויבער און מערדער, האָט מען גע'משפט און פער'משפט צום טוידט. ביים געריכט איז ער געווען, ווי שטענדיג: אַ קליינינקער, אַ דאַרער, מיט זומערשפּרענקעלאַך, מיט גלעזערנע פערשלאָפענע אויגען. ער האָט אַזוי ווי ניט גאָר פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און אויסערליך איז ער געווען גאָר קאַלטבלוטיג, געפינטעלט מיט די ווייסע ברעמען, גולמ'ש, אָהן נייגיריגקייט: אַרומגעקוקט דעם אונבעקאַנטען גרויסאַרטיגען געריכטסזאַל און געפּאָרקעט אין נאָז מיט'ן האַרטען, פאַרקאַראַוועטען, ניט בויגעדיגען פינגער. נאָר די, וואָס האָבען איהם געזעהן זונטאָג אין קירכע, האָבען געקענט טרעפען, אַז ער האָט זיך אַ ביסעל צוגעפוצט: אָנגעטהאָן אויפ'ן האַלז אַ געשטריקטע שמוציג־רויטע שאַלקע און וואו ניט וואו בענעצט די האָר אויפ'ן קאָפּ: און דאָרטען, וואו די האָר זענען געווען בענעצט, האָבען זיי אָבגעשלאָגען מיט אַ דונקעלען קאָליר און זענען געלעגען גלאַט, און אויף דער אַנדערער זייט האָבען געטאָרטשעט העלע און שיטערע טשיבען — ווי שטרויעלאַך אויף אַ מאָגערער, דורך אַ האָגעל געטראָפענער פערוויסטער פעלד.

אַז ס'איז ערקלערט געוואָרען דער פּסק־דין: טוידט־שטראָף דורך הענגען, איז יאַנסאָן פּלוצלונג אויפגערעגט געוואָרען. ער איז

שטאַרק רויט געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו פֿערבינדען און מאַנאַנדערבינדען די שאַלקע, ווי זי וואָלט איהם געשטיקט. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען עפּעס מאָרנע נאַריש צו מאַכען מיט די הענד און געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו יענעם ריכטער, וואָס האָט ניט געלעזען דעם פּסק-דין אין, טייטענדיג מיט'ן פֿינגער אויף יענעם, וואָס האָט געלעזען:

— זי האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיך הענגען.

— וואָס פֿאַר אַ זי? — האָט געפֿרעגט מיט אַ דיכטער באַסאָווער שטים דער פֿאָרזיצענדער, וואָס האָט געלעזען דעם פּסק-דין. אַלע האָבען אַ שמייכעל געטהאָן, בעהאַלטענדיג דעם שמייכעל אונטער די וואָנצעס און אין די פּאַפּירען, און יאַנסאָן האָט אַ טייטעל געטהאָן מיט'ן פֿינגער אויפ'ן פֿאָרזיצענדען און בייז, קוקענדיג פֿון אונטערן שטערן, געענטפֿערט:

— דו!

— מילאָ?

יאַנסאָן האָט ווידער איבערגעפֿיהרט די אויגען אויפ'ן ריכטער, וועלכער האָט געשוויגען און איינגעהאַלטען געשמייכעלט, און יועלכען ער האָט געפֿיהלט אַ פֿריינד און מענשען, וואָס האָט צום פּסק-דין קיין שום שייכות ניט, און האָט איבערגע'חזר'ט:

— זי האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיך הענגען. מ'דאַרף מיך ניט הענגען.

— פֿיהרט אַרויס דעם בעשולדיגטען.

יאַנסאָן האָט נאָך צייט געהאַט נאָך אַ מאָל איבערצייגענד און שטייף איבערצו'חזר'ן:

— מ'דאַרף מיך ניט הענגען.

ער איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט מיט זיין קליינינקען צאָרענדיגען געזיכט, וועלכען ער האָט אומזיסט זיך געסטאַרעט צוצוגעבען אַ נ'ערנסטקייט, מיט זיין אויסגעשטרעקטען פֿינגער, אַז אפֿילו דער קאָנוואָינער סאָלדאַט, ניט קוקענדיג אויף דער אינסטרוקציע, האָט געזאָגט ליין ביים אַרויספֿיהרען פֿון זאַל:

— אוי ביזטו אַ שוטה, בחור.

— מ'דאַרף מיך ניט הענגען — האָט האַרטנעקיג איבערגע'חזר'ט יאַנסאָן.

— מ'וועט פֿערציהען די שטריקעל — נאָך ווי, דו וועסט ניט אויספּיען אַ צאַפּעל צו טהאָן זיך.

— נו-נו, שוויינ אַקאָרשט! — האָט מיט כעס אַ געשריי געטהאָן

דער צווייטער קאָנוואָינער, נאָר ער האָט זיך אַלײן אויך ניט אײַנגעהאַלטען און צוגעגעבען:

— אויך מיר אַ גזלן! פאַר וואָס, שוטה, האָסטו אַ נפש אומגעבראַכט? אָט איצט הענג אַביסעל.

— אפשר וועט'ם בעגנאַדיגען? — האָט געזאָגט דער ערשטער סאָלדאַט, וועלכער האָט רחמנות בעקומען אויף יאַנסאָנ'ען.

— אָט ווי דו זעהסט! אַזעלכע בעגנאַדיגען... נו, גענוג, אָבגערעדט.

נאָר יאַנסאָן איז שוין אַנשוויגען געוואָרען. און ווידער האָט'ן אידם אַרײַנגעזעצט אין יענער קאַמער, אין וועלכער ער איז שוין אָבגעזעסען אַ חודש און צו וועלכער ער איז שוין צוגעוועהנט געוואָרען, ווי ער פלעגט צוגעוואָהנט ווערען צו אַליץ: צו קלעפ, צו בראַנפען, צום פערראומערט־שנעאיגען פעלד, פערזייט מיט קײַלעכדיגע בערגלאַך, ווי אַ בית־עלמן. און איצט איז אידם אפילו פרעהליך געוואָרען, בעת ער האָט דערזעהן זײַן בעטעל, זײַן פענסטער מיט די גראַטעס און מ'האָט אידם געגעבען אָבצועסען — פון אין דער פריה אָן האָט ער ניט געהאַט אין מויל. אינאַנגענעהם איז געוועזען בלויז דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען בײַם געריכט, נאָר טראַכטען וועגען דעם האָט ער ניט געקאָנט, בטבע ניט געקאָנט. און דעם טוידט דורך הענגען האָט ער זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט.

הגם יאַנסאָן איז פער'משפט געוועזען צום טוידט, נאָר אַזעלכע, ווי ער, איז געוועזען אַ סך, און פאַר אַ וויכטיגען פערברעכער האָט מען אידם אין טורמע ניט גערעכענט. דעריבער האָט'ן מיט אידם גערעדט אָהן פורכט און אָהן אַכטונג, ווי מיט יעדען אַנדערען, וואָס איז ניט פער'משפט צום טוידט. פונקט ווי מ'וואָלט זײַן טוידט ניט רעכענען פאַר אַ טוידט. דער נאַדזיראַטעל, דערוויסענדיג זיך פון דעם פסק־דין, האָט אידם אַ זאָג געטהאָן מיט אַ מוסר־טאָן:

— וואָס, ברודער? אָט האָט מען אויפגעהאַנגען!

— און ווען וועט'ן מיך הענגען? — האָט מיט אונצוטרוי געפרעגט יאַנסאָן.

דער נאַדזיראַטעל האָט זיך פערטראַכט.

— נו, דאָס, ברודער, וועט דיר אויסקומען צו וואַרטען, ביז מ'וועט ניט צוזאַמענקלאַפען אַ גאַנצע פאַרטיע. פאַר אײנעם, און נאָך אַזאַ ווי דו, לוינט ניט צו סטאַרעווען זיך. דאָס מוז'ן מאַכען בהרחבה.

— נו, אָבער ווען? — איז יאַנסאָן געשטאַנען אויף דאָס זײַניגע.

ער האָט זיך ניט געפֿיהלט בעליידיגט פֿון דעם, וואָס איהם איינעם אַליין לוינט אפילו ניט צו הענגען, און ער האָט דערין ניט געגלויבט, געהאַלטען פֿאַר אַ תירוץ אויף צו פֿערציהען דעם פסק-דין און נאָכדעם אינגאַנצען מבֿטל זיין איהם. און אויפ'ן האַרצען איז פֿרעהליך געוואָרען: דער הינקעליגער און שרעקליכער מאָמענט, וועגען וועלכען מ'קען ניט טראַכטען, האָט גענומען אָברוקען זיך ערגעץ ווייט, ווערען פֿאַבעלהאַפֿט און אונוואַהרשיינליך, ווי יעדער טוידט.

— ווען, ווען? — איז אין כעס געוואָרען דער נאַדזיראַטעל, אַניעלטערער מענש, אַ פֿערגרעבטער און מיט אַ בייזען געזיכט. דאָס איז דאָך עפּעס ניט אַ הונט אויפהענגען, אָבגעפֿיהרט הינטערן שפּייכלער, אַ מאַך, און פֿאַרטיג. ביי דיר וואָלט מען אַזוי אויך געפֿויעלט. פּרא-אדם!

— און איך וויל ניט — האָט פּלוצלונג יאַנסאָן פֿרעהליך פֿערקרימט זיך. דאָס האָט זי געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיך הענגען, אָבער איך וויל ניט!

און, פֿילייכט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט; מיט אַ סקריפּעדיגען, אונגעלומפּערטען נאָר שרעקליך אַ פֿרעהליכען געלעכטער. אַזוי ווי אַ גאַנז וואָלט זיך פֿאַנאַנדערשרייען: האַ—האַ—האַ! דער נאַדזיראַטעל האָט פֿערוואונדערט אַ קוק געטהאָן אויף איהם, נאָכדעם געמאַכט אַ שטרענגען בעטריבטען געזיכט: די דאָזיגע אונגעלומפּערטע פֿרעהליכקייט פֿון אַ מענשען, וועלכען מ'דאַרף הענגען, האָט פֿערשוועכט די טורמע און דעם עצם טוידט-שטראָף און האָט זיי געמאַכט פֿאַר עפּעס משוגה'דיגעס. און פּלוצלונג, אויף איין אויגענבליק, אויף אַ גאַנץ קורצען אויגענבליק האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם אַלטען נאַדזיראַטעל, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען צוגעבראַכט אין טורמע און געזעהן אין די תקנות פֿון טורמע אַזוי ווי נאַטור-געזעצען — אַז די טורמע און דאָס גאַנצע לעבען איז עפּעס ווי אַ מין משוגעים-הויז, און ער, דער נאַדזיראַטעל, איז אייגענטליך דער סאַמע רעכטער משוגענער.

— טפֿו, צו אַלדע רוחות! — האָט ער אויסגערופֿען. וואָס שטשירעסטו מיט די צעהן? דאָ איז דיר ניט קיין שענק.

— און איך וויל ניט — האַ—האַ—האַ! — האָט יאַנסאָן געלאַכט.

— טייוועל! — האָט געזאָגט דער נאַדזיראַטעל, פֿיהלענדיג אַ בעדערפֿניש איבערצו'צלמ'ען זיך.

— ווינגער ווי אַלץ איז ענהליך געווען אויף אַ טייוועל אָט דאָס גפֿשיל מיט'ן קליינינטשקען געזיכט, נאָר ס'איז געווען אין זיין

געניזעניעם לאַכען עפּעס אַזוינס, וואָס ס'האָט מבטל געווען די הייליגקייט און די פעסטיגקייט פון טורמע. לאַכט ער נאָך אַ ביסעל — און אָט וועלען צוקריכען, ווי צופוילטע, די ווענד, און ס'וועלען פאַלען די צוואוייקטע גראַטעס, און דער נאַדזיראַטעל אַליין וועט אַרויספיהרען די אַרעסטאַנטען דורכ'ן טויער: קומט, ליבע ברידער, שפּאַצירט אייך איבערן שטאָדט — און אפשר וויל ווער אין דאָרף? טייוועל!

נאָר יאַנסאָן האָט שוין אויפגעהערט צו לאַכען און האָט בלויז שעלמיש געבלינצעלט מיט די אויגען.

— סיידען אַזוי! — האָט געזאָגט דער נאַדזיראַטעל מיט אַ אומבעשטימטער דראָהונג און איז [illegible]ק, אומקוקענדיג זיך.

דעם גאַנצען יענעם אָווענד איז יאַנסאָן געווען רוהיג און אפילו פרעהליך. ער האָט פאַר זיך איבערגע'חזר'ט די אַרויסגעזאָגטע פראַזע: מ'דאַרף מיך ניט הענגען, און זי איז געווען אַזאַ איבערצייגענדע, קלוגע, אונצוויי־פעלהאַפטע, אַז ס'האָט ניט געלוינט צו קלעמען זיך. וועגען זיין פערברעך האָט ער לאַנג פערגעסען, און נאָר אַמאָל פלעגט פערדריסען, וואָס ס'איז ניט געלונגען צו שענדען די בעל־הבית'טע. און אי גיכען האָט ער אויך וועגען דעם פערגעסען.

יעדען פריהמאָרגען פלעגט יאַנסאָן פרעגען, ווען וועט'ן איהם הענגען, און יעדען פריהמאָרגען פלעגט דער נאַדזיראַטעל ענטפערן מיט כעס:

— וועסט נאָך צייט האָבען, טייוועל. זיץ דערווייל! — און פלעגט וואָס גיכער אַוועק, ביז יאַנסאָן האָט נאָך ניט אויסגעפּיעט צו פאַנאַנדערלאַכען זיך.

און פון די דאָזיגע איינטאָניג איבערגע'חזר'טע ווערטער, און פון דעם, וואָס יעדער טאָג פלעגט זיך אָנהויבען, פאַרביי־געהן און זיך ענדיגען, ווי יעדער געוועהנליכער טאָג, האָט יאַנסאָן זיך לחלוטין איבערצייגט, אַז קיין טוידט־שטראָף וועט ניט זיין. זעהר געשווינד האָט ער אָנגעהויבען צו פערגעסען וועגען דעם געריכט, און גאַנצע טעג פלעגט ער זיך וואַלגערן אויפ'ן בעטעל אונקלאָר און פריידיג טרוימענדיג וועגען די פערזאָמערטע שנעאיגע פעלדער מיט זייערע בערגעלאַך, וועגען דעם בופעט פון סטאַנציע, און וועגען עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ווייטער און ליכטיגער. אין טורמע האָט'ם גוט געקאָרמעט און מאָדנע גיך, אין אַ פּאָר טעג צייט, איז ער דיק געוואָרען און האָט אָנגעהויבען ביסלאַכווייז איבערצונעהמען זיך.

„איצט וואָלט זי מיר אַזוי אויך ליעב געקראָגען" — האָט ער

איין מאָל אַ טראַכט געטהאָן וועגען דער בעל־הבית'טע. — „איצט בין איך אַ דיקער, ניט ערגער פֿון דעם בעל־הבית“.

נאָר אַ ביסעל בראַנפֿען האָט זיך זעהר געוואָלט — אויסטרינקען און געשווינד, געשווינד דורכלויפֿען זיך אויפ'ן פֿערד'על.

אַז מ'האָט אַרעסטירט די טערראָריסטען, איז די ידיעה וועגען דעם דערגאַנגען אין טורמע; און אויף דער געוועהנליכער פֿראַגע פֿון יאַנסאָנ'ען, האָט דער נאַדזיראַטעל פּלוצלונג אונגעריכט און משונה געענטפֿערט:

— איצט איז שוין גיך.

געקוקט אויף איהם רוהיג און ערנסט און גערעדט:

— איצט איז שוין גיך. כ'רעכען, אַזוי אין אַ וואָך אַרום.

יאַנסאָן איז בלאַס געוואָרען און פונקט, ווי ער וואָלט בעת מעשה איינגעשלאָפֿען, אַזוי מוטנע איז געווען דער בליק פֿון זיינע גלעזערנע אויגען, האָט ער געפֿרעגט:

— דו לאַכסט?

— דאָס ט'ער ניט געקענט דערוואַרטען זיך, און דאָס איז גאָר אַ געלעכטער. ביי אונז איז ניט די מאָדע פֿון קאַטאָוועס, דאָס האָט איהר ליעב קאַטאָוועס, און ביי אונז איז ניט די מאָדע פֿון קאַטאָוועס.
— האָט געזאָגט דער נאַדזיראַטעל מיט גדלות און איז אַוועק.

שוין צו אָווענד פֿון דעם זעלביגען טאָג איז יאַנסאָן השך געוואָרען. די הויט זיינע, וואָס האָט זיך געוועסט אויסגעצויגען און אויסגעגלעט, איז פּלוצלונג איינגעשרומפּט געוואָרען אין פֿיל קליינע קנייצלאַך, ערטערווייז איז זי אַזוי ווי אַראָבגעהאַנגען. די אויגען זענען געוואָרען גאָר שלעפֿעריג, און אַל'ע בעוועגונגען אַזוי לאַנגזאַם און פֿויל, אַזוי ווי יעדער קעהר מיט'ן קאָפּ, יעדער בעוועגונג מיט די פֿינגער, יעדער ריהר מיט'ן פֿוס איז געווען אַזאַ האַרבע און שווערע אונטערנעהמונג, וועלכע מ'מוז פֿריהער זעהר לאַנג אַרומטראַכטען. ביי נאַכט האָט ער זיך געלעגט אויפ'ן בעטעל, נאָר די אויגען ניט פֿערמאַכט און אַזוי, שלעפֿעריגע, זענען זיי געבליבען אָפֿען.

— אַהאַ! — האָט געזאָגט דער נאַדזיראַטעל מיט הנאה, דערזעהענדיג איהם אויף מאָרגען — דאָ, ברודער־לעבען, איז דיר ניט קיין שענק.

מיט אַ געפֿיהל פֿון אַנגענעהמער בעפֿרידיגונג, אַקוראַט ווי אַ געלעהרטער, ווען דער פֿערזוך האָט זיך נאָך אַ מאָל איינגעגעבען, האָט ער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אויפֿמערקזאַם און גענוי אַרומגעקוקט דעם פֿער'משפּט'ן; איצט וועט אַל'ץ געהן ווי דער סדר איז. דער

שטן איז געפּלעפּט, ס'איז אויפגעריכט געוואָרען די פֿער־שוועכטע הייליגקייט פֿון דער טורמע און טוידט־שטראָף — און גנע־דיג און אפילו מיט אַנ'אמת'ן רחמנות, האָט דער אַלטער אַ פֿרעג געטהאָן:

— זעהן זיך מיט ווּעמען ווּעסטו, צי ניט?

— צו וואָס זעהן זיך?

— כ'ווייס, אָבזעגענען זיך. אַ מוטער, אַ שוועגער, אָדער אַ ברודער.

— מ'דאַרף מיך ניט הענגען — האָט יאַנסאָן שטיל אַרויסגע־רעדט און געוואָרפֿען אַ זייטיגען בליק אויפ'ן נאַדזיראַטעל. — כ'וויל ניט.

דער נאַדזיראַטעל האָט אַ קוק געטהאָן — און שווייגענדיג אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד.

צו אָווענד צו האָט יאַנסאָן אַביסעל זיך בערוהיגט. דער טאָג איז געוועזען אַזאַ געוועהנליכער, אַזוי געוועהנליך האָט געלויכטען דער וואָלקען, דער ווינטערדיגער הימעל, אַזוי געוועהנליך האָבען געקלונ־גען אין קאָרידאָר די טריט און עמיצענס וואָכעדיגער געשפּרעך, אַזוי געוועהנליך און נאַטירליך האָט געשמעקט דער באָרשטש פֿון זויערען קרויט, אַז ער האָט ווידער אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם נאָהענטען סוף. נאָר צו נאַכט צו האָט'ס אָנגענומען אַ פּחד. פֿריהער פֿלעגט יאַנסאָן פֿיהלען די נאַכט פּשוט, ווי אַ פֿינסטערניש, ווי אַ באַזונדערע פֿינסטערע צייט, ווען מ'דאַרף שלאָפֿען, נאָר איצט האָט ער דערפֿיהלט איהר געהיימניספֿאָלען און גרויזאַמען וועזען. אום ניט צו גלויבען אין טוידט, דאַרף מען הערען און זעהן דאָס געוועהנליכע: טריט, שטימען, באָרשטש פֿון זויערען קרויט, און איצט איז אַלץ געוועזען אומגעוועהנליכעס, אָט די שטילקייט און אָט די פֿינסטערניש, זיי אַליין זענען שוין געוועזען ווי דער טוידט.

און וואָס לענגער ס'האָט זיך געצויגען די נאַכט, אַלץ גרע־סער איז געוואָרען דער פּחד. מיט דער תמימות פֿון אַ ווילדען אָדער אַ קינד, וועלכע האַלטען אַלץ פֿאַר מעגליך, האָט זיך יאַנסאָנ'ען געוואָלט אַ געשריי טהאָן דער זון: לויכט! און ער האָט געבעטען, תחנונים געבעטען, אַז די זון זאָל לויכטען, נאָר די נאַכט האָט כסדר געצויגען איבער דר'ערד איהרע שוואַרצע שטונדען, און ס'איז ניט געוועזען אַזאַ קראַפֿט, וועלכע זאָל קענען אָבשטעלען איהר פֿלי־סען. און די דאָזיגע אונמעגליכקייט, וואָס האָט צום ערשטען מאָל אַזוי קלאָר פֿאָרגעשטעלט זיך אין יאַנסאָנ'ס שוואַכען מח, האָט

איהם ערפֿיהלט מיט אימה: ניט האָבענדיג קיין מוט צו דערפֿיהלען עס קלאָר, האָט ער שוין בעגריפֿען די אונפֿערמיידליכקייט פֿונ'ם נאָהענטען טוידט און מיט אַנ'אָבשטאַרבענדער פֿוס האָט ער אויפֿגעטראָטען אויפֿ'ן ערשטען טרעפּעל פֿון עשאַפֿאָט.

דער טאָג האָט איהם ווידער בערוהיגט, און די נאַכט ווידער אָנגעשראָקען, און אַזוי איז געווען ביז יענער נאַכט, ווען ער האָט בעגריפֿען און דערפֿיהלט, אַז דער טוידט איז אונפֿערמיידליך און וועט אָנקומען אין דריי טעג אַרום, בעגינגען, ווען ס'וועט אויפֿשטעהן די זון.

ער האָט קיין מאָל ניט געטראַכט וועגען דעם, וואָס איז דאָס אַזוינס דער טוידט, און קיין געשטאַלט האָט פֿאַר איהם דער טוידט ניט געהאַט — נאָר איצט האָט ער דערפֿיהלט קלאָר, דערזעהן, פֿערנומען בחוש, אַז דער טוידט איז אַריין אין קאַמער און זוכט איהם, שאַרענדיג מיט די הענד. און, ראַטעווענדיג זיך, האָט ער אָנגעהויבען צו לויפֿען איבערן קאַמער.

נאָר די קאַמער איז געווען אַזאַ קליינע, אַז ס'האָט זיך געדוכט, דאָס ניט שאַרפֿע, נאָר שטומפּפֿע ווינקלען זענען אין איהר און זיי אַלע שטויסען איהם אויפֿ'ן מיטען. און ס'איז ניטאָ וואו צו בעהאַלטען זיך. און די טיר איז פֿערשפּאַרט. און ס'איז ליכטיג. עטליכע מאָל, שווייגענדיג, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט'ן קערפּער אָן די וואַנד, איין מאָל אָבגעקלאַפּט זיך אָן טיר — ס'איז שטיל און פּוסט. אָנגעשטויסען זיך אָן עפּעס און געפֿאַלען מיט'ן פּנים אַראָב, און דאָ האָט ער דערפֿיהלט, אַז דער טוידט כאַפּט איהם. און ליגענדיג אויפֿ'ן בויך, צוקלעפּענדיג זיך צום פּאָדלאָגע, בעהאַלטענדיג דאָס געזיכט אין זיין דונקעלען, שמוציגען אַספֿאַלט, האָט יאַנסאָן גענומען יאָמערן פֿאַר שרעק. געלעגען און געשריען מיט'ן גאַנצען כח, ביז מ'איז ניט געקומען. און אַז מ'האָט איהם שוין אויפֿגעהויבען פֿון פּאָדלאָגע און אַוועקגעזעצט אויפֿ'ן בעטעל, און אויסגעגאָסען אויפֿ'ן קאָפּ קאַלטע וואַסער, האָט יאַנסאָן נאָך אַלץ ניט געהאַט דעם מוט צו עפֿענען די שטאַרק פֿערזשמורעטע אויגען. געעפֿענט איין אויג, דערזעהן אַ ליכטיגען פּוסטען ווינקעל אָדער עמיצינס שטיוועל אין פּוסטען רוים, הויבט ער ווידער אָן צו שרייען.

נאָר די קאַלטע וואַסער האָט אָנגעהויבען צו ווירקען. ס'האָט אויך געהאָלפֿען דאָס, וואָס דער דעזשורנער נאַדזיראַטעל, דער זעלביגער זקן האָט עטליכע מאָל פֿון רפֿואה וועגען אַ וואָרף געגע-

טהאָן יאַנסאָנ'ען איבערן קאָפּ. און די דאָזיגע עמפּפינדונג פון לעבען דאָט ווירקליך פערטריבען דעם טוידט, און יאַנסאָן האָט די איגען געעפענט, און דעם איבעריגען טייל נאַכט האָט ער, מיט אַ צומישטען מח, שטאַרק געשלאָפען. געלעגען אויפ'ן רוקען, מיט אַנאָפענעם מויל, און הויך, מיט אַלערליי טענער, געכראָפּעט; און צווישען די ניט פעסט פערמאַכטע ברעמען האָבען דורכגעלויכטען די פלאַכע און טוידטע אויגען אָהן שוואַרצאַפּעל.

און זייטער איז אַלץ אין דער וועלט, אי דער טאָג, אי די נאַכט, אי די טריט, אי די שטימען, אי דער באָרשטש פון דעם זוירען קרויט געוואָרען פאַר איהם איין הורכיגער שרעק, האָבען איהם פערזעצט אין צושטאַנד פון אַ ווילדער איבערראַשונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען. זיין שוואַכער געדאַנק האָט ניט געקענט צונויפבינדען די דאָזיגע צוויי פאָרשטעלונגען, וואָס זענען אַזוי משונה כותר איינע די צווייטע: דעם געוועהנליך ליכטיגען טאָג, דעם ריח און טעם פון די קרויט — און דאָס, וואָס אין צוויי טעג אַרום, אין אַ טאָג אַרום דאַרף ער שטאַרבען. ער האָט וועגען קיין זאַך ניט געקלערט, ער האָט אַפילו ניט געצעהלט די שעה'ן, און איז איינפאַך געשטאַנען אין אַ שטומען שרעק פאַר דעם דאָזיגען ווידערשפרוך, וואָס האָט צוריסען זיין מאַרך אין צוויי טיילען; און ער איז געוואָרען דורכאויס גלייך בלאַס, ניט ווייסער, ניט רויטער, און אויסערליך האָט ער אויסגעזעהן רוהיג. נאָר האָט גאָר נישט געגעסען און אין גאַנצען אויפגעהערט צו שלאָפען; אָדער די גאַנצע נאַכט, אונטערבויגענדיג פון פחד אונטער זיך די פיס, איז ער געזעסען אויפ'ן בענקעל, אָדער גאַנץ שטיל, בגנבה, און שלעפעריג אומקוקענדיג זיך, האָט ער געשפאַנט איבערן צימער. דער מויל איז די גאַנצע צייט געווען ביי איהם האַלב אָפען, ווי ער וואָלט כסדר ניט אויפגעהערט שטאַרק צו הידוש'ן זיך; און אַז ס'פלעגט איהם אויסקומען צו נעהמען אַ וועלכע ס'איז גאַנץ געוועהנליכע זאַך אין האַנד, פלעגט ער זי פריהער לאַנג און שטומפּ באַטראַכטען און נעהמען מיט אונצוטרוי.

און אַז ער איז געוואָרען אַזאַ, איז אי די נאַדזיראַטעלעס, אי דער סאָלדאַט, וואָס האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען, האָבען אויפגעהערט אומצוקוקען זיך אויף איהם. דאָס איז געווען דער נאַטירליכער צושטאַנד פון אַלע פערמשפט'ע, וועלכער איז געגליכען, נאָך דעם מיינונג פון דעם נאַדזיראַטעל, וואָס האָט עס קיין מאָל ניט איבערגעלעבט, מיט דעם, וועלכער איז ביי אַ בהמה, ווען מ'באַטויבט זי מיט אַ קלאַפּ איבערן שטערען.

— איצט איז ער בעטויבט, איצט וועט ער ביז'ן סאמע טויט גאָר נישט דערפיהלען — פלעגט זאָגען דער נאַדזיראַטעל, איינקוקענדיג זיך אין איהם ווי אַ מבין. איוואַן, דו הערסט? האַ, איוואַן?

— מ'דאַרף מיך ניט הענגען — האָט מאַט אָבגערופען זיך יאַנסאָן, און ווידער האָט זיין אונטערשטער קינבאַק אַראָבגעהאַנגען.

— האָסט ניט געזאָלט הרג'ענען, וואָלט מען דיך ניט אויפגעהאַנגען — האָט מוסר'דיג געזאָגט דער עלטערער נאַדזיראַטעל, נאָך אַ יונגער, נאָר זעהר אַנ'אָנגעזעהענער מאַנזביל, אין אָרדענס. און דאָס — הרג'ענען האָסטו גע'הרג'עט, און הענגען זיך ווילסטו ניט.

— האָט געוואָלט אַ מענשען פטר'ן, ס'זאָל איהם גלאַט אַרויב אומזיסט. אַ נאַר, אַ נאַר, און שאָקעלט זיך.

כ'וויל ניט — האָט געזאָגט יאַנסאָן.

— קענסט, גוטער ברודער, ניט וועלען, דאָס איז שוין דיין זאַך, — האָט קאַלט געזאָגט דער עלטערער נאַדזיראַטעל. — איידער צו ריידען נאַרישקייטען, וואָלסטו בעסער אָבגעזאָגט דיין פערמעגען. עפּיס וואָס איז דאָך פאַראַן.

— אַ ברעקעל האָט ער ניט, די העמד און די תחתונים. און אָט נאָך די פוטער־היטעל — אַ פראַנט!

אַזוי איז פאַריבער די צייט ביז דאָנערשטאָג. און דאָנערשטאָג 12 אַ זייגער ביי נאַכט, איז צו יאַנסאָנ'ען אין קאַמער אַריין אַ סך מענשען, און איינער אַ הערר אין שליפּעס האָט געזאָגט.

— נו, קלייבט זיך צו, מ'דאַרף פאָהרען.

יאַנסאָן, בעוועגענדיג זיך אַלץ אַזוי לאַנגזאַם און שלעפּעריג, האָט אָנגעטהאָן אויף זיך אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און אַרומגעדרעהט די שמוציג־רויטע שאַלקע. קוקענדיג, ווי ער טהוט זיך אָן, האָט דער הערר אין די שליפּעס, וואָס האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס, געזאָגט צו עמיצין:

— ס'אַראַ וואַרימער טאָג היינט. אמת'ער פריהלינג.

די אויגען האָבען זיך ביי יאַנסאָנ'ען געקלעבט, ער איז נאָר וואָס ניט איינגעשלאָפען און האָט זיך געקעהרט אַזוי פּאַמעליך און שווער, אַז דער נאַדזיראַטעל האָט אַ געשריי געטהאָן:

— נו, נו, לעבעדיגער. אַנ'שלאָפען געוואָרען!

פּלוצלונג האָט זיך יאַנסאָן אָבגעשטעלט.

— איך וויל ניט — האָט ער געזאָגט ווי אַ פערשלאָפענער.

מ'האָט איהם גענומען אונטער די הענד און געפיהרט, און

ער האט זיך ניט געשפּאַרט, איז געגאַנגען, אויפהויבענדיג די אַקסלען. אויפ'ן הויף האט איהם אַרומגענומען אַ פייכטער פריהלינגס־ווינטעל. און אונטערן נעזעל איז געוואָרען פייכט; ניט קוקענדיג אויף דער נאַכט, איז די אָדליגע נאָך שטאַרקער געוואָרען און פון ערגעץ־וואו זענען הילכיג געפאַלען אויף אַ שטיין אָפטע, פרעהליכע טראָפּענס. און וואַרטענדיג, ביז וואַנען אין דער שוואַרצער ניט־בעלויכטענער קאַרעטע זענען געקראָכען, קלינגענדיג מיט די שהרעדען און איינבויגענדיג זיך, די זשאַנדאַרמען, האט יאַנסאָן שלעפעריג געפיהרט מיט'ן פינגער אונטערן פייכטען נאָז און האט פערריכט די ניט גוט פערבונדענע שאַלקע.

4. מיר אָריאָלער.

דורך דער זעלביגער פריסוטסטווע פון מיליטער־געריכט, וואס האט געמשפּט יאַנסאָנ'ן, איז פערמשפּט געוואָרען צום טויט דורך הענגען אַ פויער פון אָריאָלער גוב., יעלצער אויעזד, מיכאַיל גאָלובעץ, מיט'ן צונעהמעניש מישקאַ ציגאַנאָק, וואס האט אויך געהייסען טאַטאַרין. זיין לעצטער פערברעך, וואס ס'איז דערגאַנגען קלאָר, איז געוועזען די ערמאָרדונג פון דריי מענשען, און אַ בעוואַפענטע גזילה; און ווייטער האט זיך פערלאָרען אין דער געהיימניספולער טיפעניש זיין דונקעלע פערגאַנגענהייט. ס'זענען געוועזען געוויסע ניט גאַנץ זיכערע סמנים, אַז ער האט געהאַט אַ חלק נאָך אין אַ סך אַנדערע גזילות און הריגות, ס'האט זיך געפיהלט הינטער איהם בלוט און אַ פייער און אַ פינסטערע, שיכור'ע הולאַסטווע. גאַנץ אָפען, מיט אַנ'אמת'ן האַרצען, פלעגט ער זיך אָנרופען גזלן, און האט זיך פערהאַלטען מיט שפּאָט צו די, וואס האָבען נאָך דער נייער מאָדע זיך געקרוינט פאַר „עקספּראָפּריאַטאָרס“. וועגען דעם לעצטען פערברעך, וואו דאָס אָפּלייקענען האט ניט געקענט ברענגען קיין פעולה, האט ער איבערדערצעהלט גערן און מיט אַלע פּרטים, אויף די פראַגען וועגען זיין פערגאַנגענהייט האט ער בלויז געשטשירעט די צעין און צוגעפּייפט:

— כאַפּ דעם פאַראַיאָהריגען שנעע!

אַז מ'פלעגט אָבער שטאַרק צושטעהן צו איהם מיט שאלות, פלעגט ציגאַנאָק מאַכען אַנ'ערנסטע און גדלות'דיגע מינע.

— מיר אַלע, אָריאָלער, זענען געבראָטענע יונגען — פלעגט ער זאָגען געלאַסען און מיושב'דיג. — אָריאָל און קראָמי — איז די ערשטע גנבים. קאַראַטשאָוו און ליווני — פאַר אַלע גנבים טשיקאַווע.

און יעלען — די שטאדט — גיט פאר אלע גנבים א געבאט. — היינט וואס איז דא צו בריען!

ציגאנאק האט'ן איהם א צונעהמעניש געגעבען פאר זיין פנים און פאר זיינע גנבישע שטיק. געוועזן איז ער משונה שווארצהאריג, מאגער, מיט פלעקען פון א געלער אנגעברענטקייט אויף די שפיציגע טאטערשע באקביינער; עפעס ווי א פערד פלעגט ער פערקאטשען די ווייסלען פון די אויגען, און האט זיך שטענדיג ערגעץ-וואו גע-אילט. א קוק האט ער געהאט א קורצען, א געשווינדען, נאר א שוידערליך גלייכען און פול מיט נייגיריגקייט, און א זאך, אויף וועלכער ער פלעגט קורץ א קוק טהאן, פלעגט ווי וואס פערלירען, אבגעבען איהם א טייל פון זיך און ווערען אנאנדערע. א פאפיראס, אויף וועלכען ער האט געווארפען זיין אויג, איז אויך אזוי אונאנגענעהם און שווער געוועזן צו נעהמען, אקוראט ווי זי וואלט געוועזן אין א פרעמדען מויל. עפעס א שטענדיגער רה, א ברען איז אין איהם געזעסען, און א מאל פלעגט ער איהם צונויפדרעהען, ווי א פלעכטעל, און א מאל פאנאנדערווארפען ווי א ברייטען בינדעל פון זיך שלייגלענדע פונקען. און וואסער האט ער געטרונקען פשוט עמערוויז, ווי א פערד.

אויף אלע פראגען ביים געריכט האט ער, אויפשפרינגענדיג געשווינד, געענטפערט קורץ און אפילו אזוי ווי מיט הנאה:

— ריכטיג!

א מאל פלעגט ער זאגען מיט א נגינה:

— ריכ—טיג!

און גאר אונגעריכט, בעת ס'האט זיך גערעדט וועגען אנאנדערען, איז ער אויפגעשפרונגען און האט געבעטען דעם פארזיצענדען:

— לאזט א פייף טהאן!

— צו וואס איז דאס? — האט זיך יענער פערחידושט.

— אזוי ווי זיי בעווייזען, אז איך האב געגעבען א צייכען די חברים, איז דעריבער. זעהר אינטערעסאנט.

א ביסעל פערוואונדערט, האט דער פארזיצענדער איינגעוויליגט. ציגאנאק האט געשווינד אריינגעלעגט אין מויל פיער פינגער, צו צוויי פון יעדער האנד, האט מיט רציחה פערגלאצט די אויגען — און די טויטע לופט פון געריכטסזאל האט דורכגעשניטען אן אמת'ער, ווילדער, גזלנישער פייף, פון וועלכען פערד ווערען פערטויבט, שפרינגען אויף און זעצען זיך אויף די הינטערשטע פיס, און ס'ווערט ניט ווילענדיג בלאס דאס מענשליכע געזיכט. און

דער טויטליכער קומער פון יענעם, וועמען מ'הרג'עט, און די ווילדע פרייד פון דעם רוצה, און אַ גרויזאַמע וואָרנונג, און אַ רוף, און דער חשך פון אַ רעגענדיגער הערבסט-נאַכט און איינזאַמקייט — אַלץ איז געווען אין דעם דאָזיגען דורכדרינגענדען און ניט מענשליכען און ניט טירישען אויסגעשריי.

דער פּאָרזיצענדער האָט וואָס אָנגעהויבען צו שרייען, נאָכדעם גענומען מאַכען מיט'ן האַנד אויף ציגאַנאָק'ן, און יענער איז געהאַרכזאַם אַנשוויגען געוואָרען. און ווי אַן אַרטיסט, וואָס האָט מיט ערפאָלג אויסגעפיהרט אַ שווערע, נאָר אַ שטענדיג איינגעגעבענע, אַריע, האָט ער זיך געזעצט, אויסגעווישט אָן כּאַלאַט די נאַסע פינגער און זעלבסטצופרידען אַרומגעקוקט דעם עולם.

— אָט אַ ביסעל אַ גזלן! — האָט געזאָגט איינער פון די ריכטער, רייבענדיג אַן אויער. נאָר אַ צווייטער, מיט אַ ברייטער רוסישער באָרד און מיט טאָטערישע, ווי ביי ציגאַנאָק'ן, אויגען, האָט פערטראַכט אַ קוק געטהאָן ערגעץ אַרויף איבער ציגאַנאָק'ן, אַ שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— איהר ווייסט, ס'איז אָבער טאַקי אינטערעסאַנט.

און מיט אַ רוהיגען געמיט, אָהן רחמנות און אָהן שום האַרץ-קלעמעניש, האָבען די ריכטער אַרויסגעטראָגען ציגאַנאָק'ן אַ טויט-אורטייל.

— ריכטיג! האָט געזאָגט ציגאַנאָק, אַז מ'האָט איבערגעלייענט דעם פּסק-דין. אין ברייטען פעלד אַ תליה'צקע. ריכטיג!

און, אַ קעהרטאָנדיג זיך צום קאָנוואָינעם, האָט ער מעשה כוואַט און מיט גאוה אַ געשריי געטהאָן:

— נו, לאָמיר געהן, צי וואָס, צוקראָכענע פעל דו. און די ביקס האַלט אַקאָרשט שטאַרק — כ'וועל אָבנעהמען!

דער סאָלדאַט האָט בייז און מיט פורכט אַ קוק געטאָן אויף איהם, איבערגעקוקט זיך מיט'ן חבר און האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם שלאָס פון ביקס. דער אַנדערער האָט געטאָן דאָס איינענע. און דעם גאַנצען וועג ביז'ן טורמע זענען די סאָלדאַטען ווי ניט געגאַנגען, נאָר געפלויגען אין דער לופטען — אַזוי, בענומען פון'ם פערברעכער, האָבען זיי ניט געפיהלט ניט די ערד אונטער די פיס, ניט די צייט, ניט זיך אַליין.

ביז'ן טויט-שטראָף איז מישקא ציגאַנאָק'ן, אַזוי ווי יאַנסאָנ'ן, אויסגעקומען צו-צוברענגען אין טורמע זיבעצעהן טעג. און די גאַנצע זיבעצעהן טעג זענען פאַר איהם פאַרביינעפלויגען אַזוי געשווינד, ווי איין ניט אויסלעשענדער געדאַנק וועגען

אַנטלויפֿען, וועגען פֿרייהייט און וועגען לעבען. דער אונרוהיגער גייסט, וואָס האָט געוועלטיגט איבער ציגאַנאָק'ן און וועלכער איז איצט פֿערשטיקט געוועזען מיט די ווענד און גראַטעס, און מיט'ן טויטען פֿענסטער, אין וועלכען ס'האָט זיך קיין זאַך ניט געזעהן, האָט אַריבערגעטראָגען די גאַנצע רציחה זיינע אינוועניג און האָט געברענט ציגאַנאָק'ס געדאַנק, ווי איבער ברעטער פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿענע קוידלען. אַקראַט ווי אין אַ שיכור'ן טשאַד האָבען זיך געטראָגען, אָנגעשטויסען און געפּלאָנטערט העלע, נאָר ניט קיין פֿערענדיגטע בילדער, געטראָגען פֿערביי אין משונה־שנעלען העל־בלאַנקענדען ווירבעלווינד, און אַלע האָבען זיך געטאָן שטרעבען צו איינם — צום אַנטלויפֿען, צו פֿרייהייט, צום לעבען. אַמאָל, פֿאַנאַנדערבלאָזענדיג די נאָזלעכער, ווי אַ פֿערד, האָט ציגאַנאָק שעה'ן־לאַנג געשמעקט די לופֿט — ס'האָט זיך איהם געמאָהלט, אַז ס'שמעקט מיט קאָנאָפּליעס און מיט רויך פֿון אַ שריפֿה, מיט פֿאַרבלאָזער און עסענדער שמאַלעניש; אַמאָל פֿלעגט ער ווי אַ גאָר זיך דרעהען איבער'ן קאַמער, געשווינד טאַפּענדיג די ווענד, קלאַפּענדיג מיט די פֿינגער, צומעכטענדיג זיך, טאָטשענדיג דעם באַלקען מיט'ן קוק, זעגענדיג די גראַטעס. מיט זיין שטענדיגען האַוועט האָט ער פֿערמאַטערט דעם כאָלדאַט, וואָס האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען דורך דער קליינער שייבעל פֿון טיר, און שוין עטליכע מאָל, אין פֿערצווייפֿלונג, האָט דער כאָלדאַט געשטראַשעט מיט שיסען; ציגאַנאָק האָט גראָב און מיט חוזק געענטפֿערט און נאָר דערפֿאַר האָט די זאַך זיך געענדיגט בשלום, ווייל די אַמפּערניש פֿלעגט גיך איבערגעהן אין אַ פּשוט'ער, פּויערשער, ניטבעליידיגענדער זידלעריי, ביי וועלכער דאָס שיסען דאָט אויסגעוויזען משונה ווילד און אונמעגליך.

די נעכט זיינע האָט ציגאַנאָק געשלאָפֿען שטאַרק, כמעט ניט אַ ריהר טהאָנדיג זיך, אין אַ אונפֿערענדליכער, נאָר לעבעדיגער אונבעוועגליכקייט, ווי אַ ספּרוזשינע, וואָס האָט אויפֿגעהערט אויף אַ צייט צו אַרבייטען. נאָר אויפֿשפּרינגענדיג — פֿלעגט ער באַלד אָנהויבען צו דרעהען זיך, משער זיין, טאַפּען. די הענד זענען ביי איהם געווען די גאַנצע צייט טרוקענע און הייסע, נאָר דאָס האַרץ פֿלעגט אַמאָל פּלוצלונג קאַלט ווערען: אַזוי ווי מ'האָלט אין ברוסט געלעגט אַ שטיק ניטצוגעהענדען אייז, פֿון וועלכען ס'פֿלעגט זיך פֿאַנאַנדערגעהען איבער'ן גאַנצען קערפּער אַ דראָבנער, טרוקענער שוידער. און אַזוי אויך אַ ברוינער, איז אין אַזעלכע מינוטען פֿלעגט ציגאַנאָק שוואַרץ ווערען, צונעהמען אַ קאָליר פֿון בלויליכען טשוגון. און אַ מאָדנע געוועהנהייט האָט ער בעקומען: אַזוי ווי ער וואָלט זיך

איבערעכען מיט עפּעס צו שטאַרק און אונערטרעגליך זיסעס; פֿלעגט ער כסדר אָבלעקען די ליפּען, טשמאָקען און מיט אַ צישערײַ דורך די ציינער אויסשפּײַען אויף׳ן פּאָדלאָגע די פֿערלאָפֿענע שפּײַעכץ. און פֿלעגט ניט דערעדען ווערטער: אַזוי געשווינד זענען געלאָפֿען די געדאַנקען, אַז דער צונג פֿלעגט ניט אויספּעיען צו דעריאָגען זיי.

איין מאָל בײַ טאָג, אין דער בעגלייטונג פֿון אַ קאָנוואָינעם, איז אַרײַן צו איהם דער עלטערער נאַדזיראַטעל. אַ קרים געטאָן זיך איף דער פֿערשפּײַטער פּאָדלאָגע און בייז געזאָגט:

— אָנגעפּאַסקודעט אַביסעל!

ציגאַנאָק האָט געשווינד אָבגעענטפֿערט:

— אָט דו, פֿעטע מאָרדע, האָסט די גאַנצע ערד פֿאַרפּאַסקודעט, און איך זאָג דיר אַ וואָרט ניט. נאָך וואָס קריכסטו אַהער?

אויך אַזוי בייז האָט דער נאַדזיראַטעל איהם פֿאָרגעלעגט צו ווערען אַ תלין. ציגאַנאָק האָט אויסגעשטשירעט די צעהן און פֿאַנאַנדערגעלאַכט זיך:

— ניטאָ קיין בעלנים, האַ? אַ המציאה! אָט גיה פּרואוו הענגען, כאַ—כאַ! אי אַ האַלז איז דאַ, אי אַ שטריק איז דאָ, און הענגען איז ניטאָ ווער. איף נאמנות, אַ המציאה!

— וועסט דערפֿאַר בלײַבען לעבען.

— כאַ׳שאלה אַביסעל: וואָס דען, טויטערהייט וועל איך הענגען. אָבגעזאָגט אַביסעל, פֿערד.

— איז ווי זשע? דיר איז דאָך אַלץ איינס, צי אַזוי צי אַזוי.

— און ווי הענגט׳ן בײַ איך? מ׳שטיקט מסתמה שטילינקערהייט.

— ניין, מיט מוזיקע — האָט אַ שטאָך געטאָן דער נאַדזיראַטעל.

— אָט אַביסעל אַ פֿערד. געווים דאַרף׳ן מיט מוזיקע. אָט אַזוי — און ער האָט גענומען זינגען עפּעס אַ פֿרעהליכעס.

— ביזסט, גוטער ברודער, אַ פּנים גאָר פֿון מה אַראָב — האָט געזאָגט דער נאַדזיראַטעל. — נו, איז ווי אַזוי, רעד ווערטער.

ציגאַנאָק האָט אויסגעשטשירעט די צען:

— ס׳אַ גיכער בריה! קום אַרײַן נאָך אַמאָל, וועל איך יעמאָלט זאָגען.

און אין דעם כאַאָס פֿון די העלע, גאָר ניט פֿערענדיגטע בילדער, וואָס האָבען געדריקט ציגאַנאָק׳ן מיט זייער ווילדען געלאַף, האָט זיך אַרײַנגעריסען נאָך איינער; ס׳איז גוטקייט צו זיין אַ תליין אין אַ רויטער העמדעל. ער האָט לעבעדיג זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ברייטען פּלאַץ, פֿערגאָסען מיט עולם, אַ הויך בריקעל, און ווי ער, ציגאַנאָק,

אין אַ ריטער העמד, שפּאַצירט אַרום איבער איהם מיט אַ העקעל. די זון בעלויכט די קעפּ, פֿרעהליך בלישטשענדיג אויף דעם העקעל, און ס'איז אַלץ אַזוי פֿרעהליך און פּרעכטיג, אַז אַפּילו יענער, וועמען מ'דאַרף באַלד אָבהאַקען דעם קאָפּ, שמייכעלט אויך. און הינטער'ן עולם זעהען זיך פֿודרען און מאָרדעס פֿון פֿערד — דאָס זענען פּויערים אָנגעפֿאָהרען פֿון דאָרף, און ווייטער זעהט זיך דאָס פֿעלד.

— צאַך! — פֿלעגט טשמאָקען ציגאַנאָק, אָבלעקענדיג זיך, און אויסשפּייען די פֿערלאָפֿענע שפּייעכץ. און פּלוצלונג איז ווי מ'וואָלט אויף איהם אָנגערוקט אַ פֿוטערדיגע היטעל ביז'ן סאַמע מויל: געוואָרען פֿינסטער און דושנע, און אַ שטיק ניטצוגעהענדער אייז איז געוואָרען דאָס האַרץ, פֿאַנאַנדערשפּרייטענדיג אַ דראָבנעם טרו־קענעם שוידער.

נאָך אַמאָל צוויי איז אַריין צו איהם דער נאַדזיראַטעל, און, אויסשטשירענדיג די צען, פֿלעגט ציגאַנאָק זאָגען:

— כ'אַ גיכער בריה! נאָך אַמאָל קום אַריין.

און, ענדליך, ווי פֿאַרבייגעהענדיג, אין פֿערטעל פֿון פֿענסטער, האָט דער נאַדזיראַטעל אַריינגעשריען:

— פֿערזעהען דיין גליק, דו לא־יוצלה איינער. אַנ'אַנדערען געפֿונען.

— כאַפּ דיך דער רוח, הענג אַליין! האָט זיך אויסגעזידעלט ציגאַנאָק. און האָט אויפֿגעהערט צו חלום'ען וועגען זיין אַ תלין.

נאָר צום סוף, וואָס נעהענטער צום טויט, איז די האַסטיגקייט פֿון די צוריסענע בילדער געוואָרען אַלץ אינערטרעגליכער: ציגאַנאָק'ן האָט זיך שוין געוואָלט אָבשטעלען, פֿאַנאַנדערשפּרייטען די פֿיס און אָבשטעלען זיך — נאָר דער דרעה־שטראָם האָט איהם געטראָגען, און אָנכאַפּען זיך איז ניט געווען פֿאַר וואָס: אַלץ האָט געשוואומען אַרום. און ס'איז שוין געוואָרען אונרוהיג זיין שלאָף: ס'זענען אויפֿגעקומען נייע, בולט'ע, שווערע, ווי הילצערנע אָבגעמאָלטע קלעצלעך, חלומות, נאָך מעהר האַסטיגע, איידער די געדאַנקען. דאָס איז שוין געווען ניט קיין שטראָם, נאָר אַנ'אונענדליך פֿאַלען פֿון אַנ'אונענדליך באַרג, אַ ווירבעל־געלאַף דורך דער גאַנצער זעהבאַר־געפֿאַרבטער וועלט. אויף דער פֿרייהייט האָט ציגאַנאָק געטראָגען בלויז שען פֿערצוואָקטע וואָנצעס, און אין טורמע איז ביי איהם אָבגעוואַקסען אַ קורצע, שוואַרצע, שטעכעדיגע בערדעל, און דאָס האָט איהם געמאַכט שרעקליך און צוגעגעבען אַ פּנים פֿון אַ משוגע'ע. ציימענווייז פֿלעגט ציגאַנאָק ווירקליך פֿערלירען דעם דעת און האָט זינלאָז געדרעהט זיך איבער'ן קאַמער, נאָר האָט נאָך

אַלץ געטאַפּט די שאַרסטקע געטינקעוועטע ווענד. און וואָסער האָט ער געטרונקען, ווי אַ פּערד.

עפּעס איין מאָל אין אָוונד, בעת מ'האָט אָנגעצונדען פייער, האָט ציגאַנאָק זיך געשטעלט אויף אַלע פיר אין מיטען קאַמער און גענומען וואָיען מיט אַ ציטערענדער יללה, ווי אַ וואָלף. געווען איז ער עפּעס מאָדנע ערנסט דערביי און האָט געוואָיעט אַזוי, ווי ער וואָלט געטהאָן אַ וויכטיגע און אַ נייטיגע זאַך. אָנשעפּען אַ פולע ברוסט לופט און לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזען זי אין אַ אויסגעצויגענער ציטערענדער יללה; און אויפמערקזאַם, פערזשמורענדיג די אויגען, זיך צוגעהערט, ווי ס'קומט אַרויס. און דער עצם ציטערן אין דער שטימע, האָט אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט עס געמאַכט אַביסעל מיט אַ כוון; און ער האָט ניט געשריען סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר אויסגעצויגען זאָרגפעלטיג יעדער נאָטע אין דעם דאָזיגען טירישען יאָמער, וואָס איז פול געווען מיט אַ אונבעשרייבליכען פחד און קומער.

נאָכדעם האָט ער פּלוצלונג איבערגעריסען דאָס וואָיען און עטליכע מינוט, שטעהענדיג נאָך אַלץ אויף אַלע פיר, געשוויגען. פּלוצלונג שטיל, איינגעבויגען צו דר'ערד, אָנגעהויבען צו שעפּטשען:

— ליבינקע, טייערינקע... ליבינקע, טייערינקע. האָט רחמנות... ליבינקע! טייערינקע!..

און אויך ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט, ווי ס'קומט אויס. אויסגערעדט אַ וואָרט, און איינגעהערט זיך.

נאָכדעם איז ער אויפגעשפּרונגען. — און אַ גאַנצע שעה, ניט אָבציהענדיג דעם אָטהעם, געזידעלט זיך „אין דער מאַמען".

— אוי, איהר אַזוינע און אַזוינע, צו אַלדע־דע־דע! — האָט ער זיך געריסען, פערקאַשענדיג די מיט בלוט פערגאָסענע אויגען — הענגען — איז הענגען, און ניט אַזוי... און אַזעלכע און אַזעלכע...

און דער סאָלדאַט, ווייס ווי קאַלך, וויינענדיג פון קלעמעניש, פון שרעק, האָט געשטופּט אין טיר די ביקס און הילפסלאָז געשריען.

— כ'וועל דערשיסען! באמונות, דערשיסען! הערסט!

נאָר שיסען האָט ער ניט געוואַגט; אין די פערמשפּט'ע צום טויט, אויב ס'איז ניט געווען קיין עכטער נויט, האָט מען קיין מאָל ניט געשאָסען. און ציגאַנאָק האָט געסקריעט מיט די צען, געזידעלט זיך און געשפּיַיט — זיין מענשליכער מאַרך, אַ וועקגעשטעלט אויף אַ משונה שאַרפען ווינקעל צווישען לעבען און טויט,

האט זיך געשפאלטען אין שטיקער, ווי א קאם טרוקענע פערוויי־טערטע ליים.

אז מ'איז געקומען ביי נאכט אין קאמער, אויף צו פיהרען ציגאנאק'ן צום טויט, האט ער אנגעהויבען צו האווען און האט אזוי ווי אבגעלעבט. אין מויל איז געווארען נאך זיסער, פער־רונען מיט שפייעכץ, נאר די באקען זענען א ביסעל רויז געווארען און אין די אויגען האט גענומען פינקלען די פריהערדיגע, א ביסעל ווילדע רמאות. אנטהאנדיג די קליידער, האט ער געפרעגט דעם בעאמטען:

— ווער וועט זיין הענגען? דער נייער? כ'מיין, ער איז נאך ניט געניט אין עסק.

— דאס איז ניט אייער דאגה — האט קאלט געענטפערט דער בעאמטער.

— וואס הייסט ניט מיין דאגה, וואשע בלאגאראדיע, הענגען וועט'ן דאך מיך, און ניט אייך. קארגט אקארשט ניט קאזיאנע זייף אויף דעם תליה־שטריקעל.

— גוט, גוט, כ'בעט אייך שווייגען.

— פערשטעהט איהר, די גאנצע זייף האט ער דא ביי אייך אויפגעפרעסען — האט אנגעוויזען ציגאנאק אויפ'ן נאדזיראטעל — ר'זעהט, ווי דער פרצוף זיינער גלאנצט.

— פערמאך דעם מויל!

— זעהט זשע ניט צו קארגען!

ציגאנאק האט זיך פאנאנדערגעלאכט, נאר אין מויל איז געווארען אלץ זיסער און פלוצלונג עפעס מאדנע האבען אנגעהויבען צו ערשטארען די פיס. און פונדעסטוועגען, ארויסגעהענדיג אויפ'ן הויף, האט ער בכח געהאט א געשריי צו טאן

— דעם קארעט פון גראף בענגאלסקי!

5. א קוש און געשוויגען.

דער פסק־דין וועגען די פינף טערראריסטען איז ערקלערט געווארען אין דער ענדגילטיגער פארמע און אין דעם זעלביגען טאג קאנפירמירט. די פער'משפט'ע האט'ן ניט געזאגט, ווען וועט'ן אויספיהרען דעם טויט־שטראף, נאר נאך דעם, ווי דאס פלעגט געטהאן ווערען געוועהנליך, האבען זיי געוואוסט, אז מ'וועט זיי אויפהענגען אין דער זעלביגער נאכט אדער, צום שפעטסטען, אין דער קומענדיגער. און אז מ'האט זיי פארגעלעגט צו זעהען זיך

לעאָניד אַנדרעיעוו

אויף מאָרגען, ד. ה. דאָנערשטאָג, מיט די קרובים, האָבען זיי פערשטאַנען, אַז דער טויט־שטראָף וועט זיין פרייטאָג בעגינען.

ביי טאַניע קאָוואַלטשוק איז קיין נאָהענטע קרובים ניט געווען, און די, וואָס ס'זענען געווען, האָבען זיך געפונען ערגעץ־וואו אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל, אין קליינרוסלאַנד, און האָבען אַפילו אפשר גאָר ניט געוואוסט וועגען דעם געריכט און דעם נאָהענטען טויט־שטראָף; ביי מוסיע'ן און ווערנער'ן, וואָס האָבען ניט אויסגעזאָגט די אמת'ע נעמען, האָבען במילא ניט געקענט זיין קיין קרובים, און נאָר צווייען, סערגיי גאָלאָווינ'ן און וואַסילי קאַשירינ'ן איז אויסגעקומען צו זעהען זיך מיט די עלטערן. און זיי ביידע האָבען מיט שרעק און קומער געטראַכט וועגען דער דאָזיגער בעגעגעניש, נאָר ניט געקענט פועל'ן ביי זיך אָבצוזאָגען די אַלטע לייט אין דעם לעצטען געשפרעך, אין דעם לעצטען קוש.

איבערהויפט האָט זיך געקוועלט פון דער קומענדיגער בעגעגעניש סערגיי גאָלאָווין. ער האָט זעהר ליעב געהאַט דעם פאָטער זיינעם און די מוטער, נאָך גאָר ניט לאַנג געזעהען זיך מיט זיי און איצט איז ער געווען אין שרעק — וואָס וועט עס זיין אַזוינס. אַפילו דער טויט־שטראָף אַליין, אין זיין גאַנצער אומגעהויערער אומגעוועהנליכקייט, אין זיין דעם מח ערשיטערענדער אומזיניגקייט — האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דמיון גרינגער און אויסגעוויזען ניט אַזוי שרעקליך, ווי אָט די עטליכע מינוט, קורצע און אומפערשטענדליכע, וואָס שטעהען אַזוי ווי אויסער דער צייט, אַזוי ווי אויסער דעם לעבען גופא. ווי זאָל'ן בעת מעשה קוקען — וואָס טראַכטען — וואָס ריידען — האָט זיך אָבגעזאָגט צו פערשטעהן זיין מענשליכער מח. דאָס סאַמע איינפאַכע און געוועהנליכע, נעהמען פאַר'ן האַנד, אַ קוש געבען, זאָגען: „וואָס מאַכסטו, פאָטער" — האָט אויסגעוויזען אומבעגרייפבאַר שרעקליך אין זיין אומגעהויער, אוממענשליכער, משונה'דיגער פאַלשקייט.

נאָכ'ן פסק־דין האָט'ן די בעשולדיגטע ניט אַוועקגעזעצט צוזאַמען, ווי ס'האָט גערעכענט קאָוואַלטשוק, נאָר איבערגעלאָזען יעדער'ן אין זיין איינזאַמען קאַמער; דעם גאַנצען פרימאָרגען, ביז עלף אַזייגער, בעת ס'זענען געקומען די עלטערן, האָט סערגיי גאָלאָווין אַרומגעשפאַנט מיט אַ ווילדען האַסט איבער'ן קאַמער, געצופט דאָס בערדיל, געקנייטש הילפלאָז דאָס געזיכט און עפעס געמורמעלט. אַמאָל פלעגט ער אין מיטען לויפען זיך אַ שטעל טאָן, אָנשעפען אַ פולע ברוסט לופט און אָבגעאָטהעמט, ווי אַ מענש, וואָס איז געווען צו לאַנג אונטער וואַסער. נאָר ער איז

געווען אזוי געזונד, אזוי פעסט איז אין איהם געזעסען דאס יונגע לעבען, אז אפילו אין אט די מינוטען פון די שרעקליכסטע עינוים, האט דאס בלוט געשפילט אינטערן הויט און באזאפט די באקן און ליכטיג און נאאיוו האבען געבליהט די אויגען.

ס'איז אלץ אבער צוגעגאנגען א סך בעסער, איידער סערגיי האט זיך גערעכנט.

דער ערשטער איז אריינגעקומען אין צימער, וואו זיי האבען זיך געדארפט זעהען, סערגיי'ס פאטער, אן'אויסגעדינטער פאלקאווניק, ניקאלאי סערגייעוויטש גאלאווין. געווען איז ער דורכאויס גלייך ווייס, דער פנים, די באָרד, די האָר און די הענד, אקוראט ווי מ'האט א סטאטוע פון שניי אנגעטהאן אין מענשליכע בגדים; און ס'איז געווען נאך אלץ דער זעלביקער רעקיל, אן אלטינקער, נאר א גוט אויסגעפוצטער, וואס האט געשמעקט מיט בענזין, מיט נייאינקע שליפעס אין דער ברייט; און אריינגעגאנגען איז ער פעסט, פאראדנע, מיט שטארקע, געצעהלטע טריט, דערלאנגט די ווייסע טרוקענע האנד און הויך געזאגט:

— גוט מארגען, סערגיי!

נאך איהם האט מיט קליינע טריט זיך בעוועגט די מוטער און מאדנע געשמייכעלט. נאר האט אויך א דריק געגעבען די האנד און אויפ'ן קול איבערגע'חזר'ט:

— גוט מארגען, סעריאזשענקע!

א קוש געטאן אין די ליפען — און שווייגענדיג זיך אוועקגעזעצט. האט זיך ניט א ווארף געטהאן, ניט פאנאנדערגעוויינט זיך; ניט אנגעהויבען צו שרייען, ניט געטאן עטוואס אזוינס שרעקליכעס, אויף וואס סערגיי האט זיך גערעכנט — נאר האט א קוש געטאן און, שווייגענדיג, זיך געזעצט. און האט אפילו פערריכט מיט ציטעריגע פינגער די שווארצע זיידענע קלייד.

סערגיי האט נישט געוואוסט, אז די גאנצע פאריגע נאכט, פערשפארענדיג זיך אין זיין קאבינעטעל, האט דער פאלקאווניק מיט דער אנשטרענגונג פון אלע זיינע קרעפטען, ארומגעטראכט די הנהגה, בעת דער דאזיגער לעצטער בעגעגעניש. ניט מאכען שווערער, נאר פערגרינגערן דארפען מיר די מינוטען אונזער זון — האט פעסט בעשלאסען דער פאלקאווניק און האט גענוי אבגעוועגען יעדע מעגליכע פראזע פון מארגענדיגען געשפרעך, יעדען קעהר. נאר אמאל פלעגט ער זיך פערפלאנטערן, אנווערען אויך דאס, וואס ער האט שוין געהאט פארטיג, און ביטער געוויינט אין ווינקעל פונ'ם צאראטענעם דיוואן. און אין דער פריה

האָט ער ערקלערט דער ווייב, ווי דאַרף מען זיך האַלטען ביי דער בעגעגעניש:

— דער עיקר — אַ קוש געטאָן און — געשוויגען! — האָט ער געגעבען צו פערשטעהן — נאָכדעם קענסטו זיך ריידען, אַביסעלע שפּעטער, נאָר בעת דו וועסט אַ קוש טאָן, טאָ שווייג. רייד ניט גלייך נאָכ׳ן קוש, פערשטעהסט? אַז ניט וועסטו זאָגען ניט דאָס, וואָס מ׳דאַרף.

— כ׳פערשטעה, ניקאָלאַי סערגייעוויטש, — האָט געענטפערט די מוטער, וויינענדיג.

— און ניט וויין. בעהיט דיך גאָט פון צו וויינען! דו וועסט איהם, אַלטע, פשוט אָבקוילענען, אויב דו וועסט וויינען.

— און פאַר וואָס ווינסטו אַליין?

— מיט איך וועט׳ן זיך איינהאַלטען! דאַרפסט ניט וויינען, הערסט?

— גוט, ניקאָלאַי סערגייעוויטש.

— פאָהרענדיג האָט ער געוואָלט נאָך אַמאָל איבער׳חזר׳ן זיין עצה, נאָר האָט פערגעסען. און אַזוי זענען זיי געפאָהרען שוויי־גענדיג, צונויפגעדרעהטע, ביידע שיווע און אַלטע, און האָבען געקלערט, און די שטאָדט האָט פרעהליך געקאָכט: ס׳איז געווען די וואָך פון מאַסלינעניצע, און אויפ׳ן גאַס איז געווען לעבעדיג און געדיכט פון מענשען.

אַוועקגעזעצט זיך. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער צוגעגרייטער פּאָזע, פערלייגענדיג די רעכטע האַנד הינטער ראַנד פון ראָק. סערגיי איז געזעסען אַנ׳אויגענבליק, האָט בעגע־גענט דעם איינגעשרומפטען פנים פון דער מוטער און איז אויפ־געשפּרונגען.

— זיץ אַ ביסעלע, סעריאָזשענקע, האָט געבעטען די מוטער.

— זעץ זיך, סערגיי, — האָט אונטערגעהאַלטען דער פאָטער. געשוויגען. די מוטער האָט מאָדנע געשמייכעלט.

— וואָס מיר האָבען צו׳עסק׳ט פון דיינטוועגען, סעריאָזשענקע. דער פאָטער...

— אַנ׳אומזיסטע זאַך, מאַמינקע...

דער פּאָלקאָווניק האָט פעסט געזאָגט:

— מיר האָבען עס געמוזט טאָן, סערגיי, כדי דו זאָלסט ניט מיינען, אַז די עלטערן האָבען דיך פערלאָזען.

ווייטער געשוויגען. ס׳איז געווען אַ פחד אַרויסצוריידען אַ וואָרט, אַקוראַט ווי יעדער וואָרט וואָלט פערלאָרען זיין בעדייטונג

און בעקומען נאר איין פשט: טויט. סערגיי האט א קוק געטאן אויף דעם פאטערס רייניקען רעקעל, וואס האט געשמעקט מיט בענזין, און א טראכט געטאן: איצט איז ניטא קיין דענשטשיק, א פנים, ער האט איהם אליין געפוצט. ווי אזוי האב איך עס פריהער ניט בעמערקט, ווען ער פוצט דעם ראק? אין דער פריה, מסתמא. און פלוצלונג האט ער א פרעג געטאן:

— וואס מאכט די שוועסטער? געזונד?

— נינאטשקע ווייס פון קיין זאך ניט — האט איליג געענטפערט די מוטער. נאר דער פאלקאווניק האט זי שטרענג אבגעשטעלט:

— צו וואס ליגען זאגען? דאס קינד האט געלעזען אין צייטונג. זאל סערגיי וויסען, אז אלע... די נאהענטע זיינע... אין דער צייט... האבען געטראכט און...

מעהר האט ער ניט געקאנט ריידען און האט זיך אבגעשטעלט. פלוצלונג האט דער מוטער'ס געזיכט עפעס מיט א מאל זיך צונויפגעקאמקעט, געווארען צוקראכען, זיך גענומען טרייסלען, געווארען פייכט און ווילד. די אבגעבלאקירטע אויגען האבען משונה געגלאצט, דער אטהעם איז געווארען אלץ אפטער און קירצער און העכער.

— סע... סער... סע... סע.... האט זי איבערגע'חזר'ט, ניט צונויפנעהמענדיג די ליפען. — סע...

— מאמוניע!

דער פאלקאווניק האט געמאכט א טריט פאראויס און, טרייסלענדיג זיך מיט'ן גאנצען קערפער, מיט יעדער פעלדעל פון זיין ראק, מיט יעדער קנייטש פון זיין שטערען, ניט פערשטעהענדיג, ווי ער אליין איז שרעקליך אין זיין טויטליכער ווייסקייט, אין זיין ערצוואונגענער פערצווייפעלטער שטייפקייט, געזאגט צו דער פרוי:

— שווייג! ניט פייניג איהם! ניט פייניג! ניט פייניג! ער דארף שטארבען! ניט פייניג!

א דערשראקענע, האט זי שוין געשוויגען, און ער האט נאך אלץ איינגעהאלטען געטרייסעלט ביי דער ברוסט מיט די צונויפגעדריקטע פויסטען און גע'חזר'ט:

— ניט פייניג!

נאכדעם איז ער אבגעגאנגען צוריק, פערלעגט אויפ'ן ראנד פון ראק די ציטערענדע האנד און הויך, מיט אנ'אנגעשטרענגטער רוהיגקייט, געפרעגט מיט ווייסע ליפען:

— ווען?

— מאָרגען, אין דער פריה — אויך מיט אַזעלכע ווייכע ליפּען האָט געענטפערט סערגיי.

די מוטער האָט געקוקט אַראָב, געקייט מיט די ליפען און אַזוי ווי זי וואָלט גאָר נישט געהערט. אין, ניט אויפהערענדיג צו קייען, האָט זי פונקט ווי אַרויסגעוואָרפען איינפאַכע און מאָדנע ווערטער:

— נינאָטשקע האָט געהייסען אַ קוש טאָן דיך, סעריאָזשענקע.

— גיב איהר אַ קוש פון מיינטוועגען — האָט געזאָגט סערגיי.

— גוט. די כוואָסטאָוו'ס גריסען דיר אויך.

— וועלכע כוואָסטאָוו'ס? אַהאַ, יע!

דער פּאָלקאָווניק האָט איבערגעשלאָגען:

— נו, מ'דאַרף געהן. הויב זיך אויף, מוטער, שוין צייט.

זאַלבענאַנד האָבען זיי אויפגעהויבען די פערהלש'טע מוטער.

— זעגען זיך! האָט געהייסען דער פּאָלקאָווניק — צלם-איבער.

זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס מ'האָט איהר געהייסען. נאָר צלם'ענדיג און קושענדיג דעם זוהן מיט אַ קורצען קוש, האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און גע'חזר'ט אָהן אַ שום זינען:

— ניין, דאָס איז ניט אַזוי. ניין, ניט אַזוי. ניין, ניין. ווי זשע וועל איך נאָכדעם? ווי זשע וועל איך זאָגען? ניין, ניט אַזוי.

— אַדיע, סערגיי! האָט געזאָגט דער פאָטער. זיי האָבען געדריקט די הענד און שטאַרק, נאָר קורץ צוקושט זיך.

— דו... — האָט אָנגעהויבען סערגיי.

— נו? — האָט אָבגעהאַקט געפרעגט דער פאָטער.

— ניין, ניט אַזוי. ניין, ניין. ווי זשע וועל איך זאָגען? — האָט גע'חזר'ט די מוטער, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. זי האָט שוין ווידער אויפגעהערט צו עקצוזיצען זיך און האָט זיך געשאָקעלט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

— דו... — האָט ווידער אָנגעהויבען סערגיי. פּלוצלונג האָט זיין געזיכט רחמנות'דיג, קינדיש זיך צונויפגעקנייטשט און די אויגען האָבען זיך מיט אַ מאָל פערגאָסען מיט טרערען. דורך זייער פינקעלדיגען ראַנד האָט ער נאָהענט דערזעהען דאָס ווייסע געזיכט פון פאָטער אויך מיט אַזעלכע אויגען.

— דו, פאָטער, ביזסט אַנ'אידעל מוטיגער מענש.

— וואָס רעדסטו! וואָס רעדסטו! — האָט זיך דערשראָקען דער פּאָלקאָווניק. און פּלוצלונג, אַקוראַט ווי ער וואָלט איינגעבראָכען, איז ער געפאַלען מיט'ן קאָפּ אויפ'ן אַקסעל צום זוהן. געוועזען איז ער אַ מאָל העכער פאַר סערגיי'ן, און איצט איז ער געוואָרען אַ ני-

דעריגער, און די פולקע טרוקענע קאפ איז ווי א ווייסינקער קנײלכיל געלעגען אויפ'ן זוג'ס אקסעל. און ביידע האבען שווייגענדיג און דורשטיג געקושט: סערגיי די פולקע, ווייסע האָהר, און ער דעם ארעסטאנטען־כאלאט.

— און איך? האט פלוצלונג געזאגט א הויכע שטימע.

מ'האט זיך אומגעקוקט: די מוטער איז געשטאנען און, פערוואורפענדיג דעם קאפ, געקוקט מיט כעס, כמעט מיט שנאה.

— וואס איז דיר געשעהען, מוטער? האט א געשריי געטאן דער פאלקאווניק.

— און איך? — האט זי גערעדט, שאקלענדיג מיט'ן קאפ, מיט א ווילד־משוגע'נער אויסדריקליכקייט. — איהר קושט זיך, און איך? מאנזביל, יע? און איך? און איך?

— מאמוניע! — האט זיך אווארף געטאן צו איהר סערגיי.

דא איז געשעהען דאס, וועגען וואס מ'טאר ניט און מ'דארף ניט איבערדערצעהלען.

די לעצטע ווערטער דעם פאלקאווניק'ס זענען געווען:

— איך גיב דיר מיין ברכה אויף דעם טויט, סעריאָזשע. שטארב מוטיג, ווי אַן אָפיציר.

און זיי זענען אוועק. עפעס אוועק. געווען, געשטאנען, גערעדט און פלוצלונג אוועק. אט דא איז געזעסען די מוטער, אט דא איז געשטאנען דער פאטער — און פלוצלונג, עפעס, אוועק. אומקערענדיג זיך אין קאמער, האט סערגיי זיך געלעגט אויפ'ן בעטעל, מיט'ן פנים צום וואנד, כדי צו בעהאלטען זיך פון די סאלדאטען, און האט לאנג געוויינט. נאכדעם איז ער מיעד געווארען פון טרערען און שטארק איינגעשלאפען.

צו וואסיליי קאשירינ'ן איז געקומען די מוטער אַליין — דער פאטער, א רייכער סוחר, האט ניט געוועלט קומען. וואסיליי האט בעגעגענט די מוטער, שפאנענדיג איבער'ן צימער און ציטערנדיג פאר קעלט, הגם ס'איז געווען ווארים און אפילו היים. און דער געשפרעך איז געווען א קורצער און א שווערער.

— ס'האט ניט געלוינט, מאמע, צו מטריח זיין זיך. איהר וועט נאר מיך און זיך אליין קוועלען.

— צו וואס איז דאס, וואסיע! צו וואס האסטו דאס בעדארפט! רבונו של עולם! — די אלטיט'שקע האט זיך פאנאנדערגעוויינט, ווישענדיג זיך מיט די עקען פון שווארצער וואָלענער טיכעל. און

מיט דער געוואוינהייט, וועלכע איז געווען ביי איהם און ביי די ברידער, צו טרייען אויף דער מוטער, וועלכע פערשטעהט קיין זאך ניט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און, ציטערנדיג פון קעלט, מיט כעס גערעדט:

— אָט האָסטו! כ'האָב דאָס פריהער געוואוסט! איהר, מאַמע, פערשטעהט דאָך גאָר נישט! גאָר נישט!

— נו, נו, גוט. וואָס איז דיר — קאַלט?

— קאַלט — האָט אָבגעהאַקט וואַסילי און ווידער אָנגעהויבען צו שפּאַנען, ווארפענדיג זייטיגע צאָרנדיגע בליקען אויף דער מוטער.

— אפשר פערקיהלט?

— אָך, מאַמע, וואָס פערקיהלונג, אז...

און האָפענונגסלאָז א מאַך געטאָן מיט'ן האַנד. די מוטער האָט געוואָלט זאָגען: „און דער אַלטער אונזערער האָט פון מאָנטאָג אָן געהייסן באַקן בלינעס", נאָר האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבען צו ברייען:

— כ'טענה צו איהם: ער איז דאָך א זון איז ער דאָך, געה, זיי איהם מוחל. ניין, האָט זיך איינגעשפּאַרט, דער אַלטער באָק...

— געהט ער צום טייוועל! וואָס איז ער מיר פאַר א טאַטע! ווי ער איז געווען דעם גאַנצען לעבען אַ'אויסוואורף, אַזוי איז ער געבליבען.

— וואַסינקע, דאָס רעדסטו וועגען טאַטען! די אַלטע האָט זיך אינגאַנצען פאָרווירפליך אויסגעצויגען.

— וועגען טאַטען!

— וועגען א לייבליכען טאַטען!

— וואָס איז ער מיר פאַר א לייבליכער טאַטע.

ס'איז געווען ווילד און זינלאָז. פאָראויס איז געשטאַנען דער טויטער, און דאָ האָט אַרויסגעשפּרונגען עפּעס אזוינס, וואָס איז קליינליך, פוסט, וננוייטיג, און די ווערטער האָבען געקנאַקט, ווי פוסטע שאָלעכץ פון א נוס אונטער די פיס. און כמעט וויינענדיג — פון קומער, פון יענעם אייביגען ניט פערשטעהן, וואָס איז ווי א וואַנד דאָס גאַנצע לעבען געשטאַנען צווישען איהם און די קרובים, און איצט, אין דער לעצטער שעה פאַר'ן טויטער, געגלאָצט ווילד די קליינטשיקע, נאַרישע אויגען — האָט וואַסילי זיך פאַנאַנדערגעשריען:

— אָבער בענעהכיט דאָך, אז מיך וועט'ן הענגען! הענגען! פערשטעהט איהר צי ניין? הענגען!

— וואָלסט ניט געטשעפּעט קיין מענשען, וואָלט'ן דיך... האָט געשריען די אַלטע.

— גאָט מיינער! וואָס איז דאָס! דאָס טרעפט דאָך ביי חיות אויך ניט. אַזון בין איך אייך צו ניין?

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעווײַנט, און געזעצט זיך אין ווינקעל. ס'האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעווײַנט די אַלטע אין איהר ווינקעל. ניט האָבענדיג בכח לאָטש אויף איין אויגענבליק צונויפצוגיכען זיך אין געפיהל פון ליבע און ענטגעגענשטעלען איהם דעם שרעק פון דעם קומענדען טוידט, האָבען זיי געווײַנט מיט קאַלטע, וואָס ערוואַרימען ניט דאָס האַרץ טרערען פון אייזאַמקייט.

די מוטער האָט געזאָגט:

— אָט דו זאָגסט, איך בין דיר אַ מאַמע צו ניט, וואַרפסט מיר אויף. און איך בין פאַר די טעג שוין געוואָרען, אַ זקנה געוואָרען. און דו רעדסט, וואַרפסט מיר אויף.

— נו גוט, גוט, מאַמע. האָט קיין פעראיבעל ניט. איהר דאַרפט שוין געהן. גיט דאָרטען אַ קוש די ברידער.

— ניט שיים-זשע בין איך קיין מאַמע ניט? ניט שיים-זשע רייסט מיר ניט דאָס האַרץ?

ענדליך איז זי אַוועק. געווײַנט ביטער, ווישענדיג זיך מיט די עקען פאַטשיילקע, און האָט ניט געזעהן דעם וועג. און וואָס ווייטער זי איז אָבגעגאַנגען פון טורמע, אַלץ ביטערער האָבען זיך געגאָסען די טרערען. אַוועק צוריק צום טורמע, נאָר עפּעס מאָדנע ווילד פערבלאָנדזשעט זיך אין שטאָדט, וואו זי איז געבאָרען געוואָרען, אויסגעוואָקסען און געעלטערט זיך. פערקראָכען אין אַ פוסטען סעדעל מיט עטליכע אַלטע אַרומגעבראָכענע ביימער, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ נאַסען בענקעל, אויף וועלכען דער שנע האָט געהאַלטען אין צוגעהן. און פלוצלונג האָט זי פערשטאַנען: איהם וועט'ן מאָרגען הענגען.

די אַלטע איז אויפגעשפּריגען, געוואָלט לויפען, נאָר פלוצלונג האָט זיך שטאַרק פערדרעהט דער קאָפּ, און זי איז געפאַלען. דער מיט אייז בעדעקטער שטעגעל איז פון אויבען אָבגעגאַנגען, געוועזען גליטשיג, און די אַלטע האָט בשום אופן ניט געקאָנט אויפהויבען זיך: האָט זיך געדרעהט, אויפגעהויבען זיך אויף די קניע און ווידער געפאַלען אויף אַ זייט. די שוואַרצע טיכעל האָט זיך אַראָבגערוקט פון קאָפּ, ענטבלויזענדיג אויפ'ן פאַטיליצע אַ פליך צווישען די שמוציג-שיווע האָהר; און ס'האָט זיך איהר עפּעס פאָרגעשטעלט, אַז זי איז זיך משמח אויף אַ

התונה: מ׳מאַכט התונה דעם זון און זי האָט אויסגעטרונקען ווײַן און שטאַרק שיכור געוואָרען.

— ל׳קען ניט. איך שווער, אַז ל׳קען ניט! — האָט זי ניט אויפגעהערט אָבצוזאָגען זיך, טרײַסלענדיג מיט׳ן קאָפּ, און האָט געפּיזעט איבער׳ן אײַזיגען נאַסען שנעאיגען שטעגעל, און איהר האָט מען אַלץ געגאָסען ווײַן, כסדר געגאָסען.

און ס׳האָט שוין אָנגעהויבען ווערן צו טאָן דאָס האַרץ פֿון דעם שיכור׳ן געלעכטער, פֿון דעם כיבוד, פֿון דיווילדע טענץ — און איהר האָט׳ן אַלץ געגאָסען ווײַן. כסדר געגאָסען.

6. די שעהן לויזען.

אין דער פֿעסטונג, וואו ס׳זענען געזעסען די פֿערמשפּטע טעררעריסטען, האָט זיך געפֿונען אַ טורם מיט אַן אַלטען פֿאַרצײַטיגען זייגער. יעדע שעה, יעדע האַלב-שעה, יעדע פֿירטעל האָט דער זייגער אויסגעקלונגען עפּעס ציהעדיגעס, עפּעס טרויעריגעס, וואָס טוט לאַנגזאַם צוגעהן אין דער הויך, ווי אַ פֿערטראָגענער קלעגליכער געשרײַ פֿון וואַנדערענדע פֿויגלעך. בײַ טאָג פֿלעגט די דאָזיגע מאָדנע און אומעדיגע מוזיק זיך פֿערלירען אין דעם רעש פֿון שטאָדט, פֿון דער גרויסער און קאָכיגער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגען פֿאַרבײַ פֿעסטונג. ס׳האָבען גערודערט די טראַמוואַיען, געטופּעט די קאָפּיטעס פֿון די פֿערד, ווײַט פֿאָראויס געשריען די טרייסעלדיגע אויטאָמאָבילען; אויף מאַסלעניצע זענען אָנגעפֿאָהרען פֿון די אַרומיגע דערפֿער פּויערים-פֿוהרמאַנעס, אָט די וואָס קומען שטענדיג אויף חגא, און די גלעקלעך אויפ׳ן האַלז פֿון זייערע קלײנוויקסיגע פֿערדלעך האָבען אָנגעפֿיהלט די לופֿט מיט אַ הוידושערײַ. און ס׳איז געשטאַנען אַ געטומעל, אַביסעל אַ שיכור׳ער, לוסטיגער, חגא-געטומעל, ווי געוועהנליך אין מאַסלעניצע, און ס׳האָט אַזוי געפּאַסט צו דעם דאָזיגען גערודער די יונגע פֿריהלינגדיגע אָדליגע, די טריבע לוזשעס אויפ׳ן פּאַנעל, די פּלוצלונג שוואַרץ-געוואָרענע בוימער פֿון סקווער. פֿון ים, מיט ברייטע, פֿייכטע פּלוצלינגע שטראָמען, האָט געבלאָזען אַ וואַרימער ווינד: ס׳האָט זיך געדוכט מיט די אויגען האָט׳ן געקענט זעהן, ווי אין אַ געמיינשאַפֿטליך געלאַף ווערען פֿערטראָגען אין דעם גרענצלאָזען פֿרײַען רוים הליינטשקע, פֿרישע טײַלכעי לופֿט אוי לאַכען, פֿליהענדיג.

בײַ נאַכט פֿלעגט די גאַס אײַנשטילען אין דעם אײַנזאַמען

שיין פון די גרויסע עלעקטרישע זונען. און דענסמאל פלעגט די אונגעהויערע פעסטונג, אין די גלאטע ווענד פון וועלכער ס'האט זיך ניט געזעהן קיין איין פייעריל, פערזינקען אין פינסטערניש און שטילקייט, און מיט אפאס פון שווייגען, אונבעוועגליכקייט און חשך זיך אבטיילען פון דער שטענדיג לעבעדיגער, ריהרוועדיגער שטאדט. און יענסמאל פלעגט זיך לאזען הערען דאס קלאפען פונ'ם זייגער; פרעמה דער ערד, לאנגזאם און טרויעריג פלעגט געבארען און פערלאשען ווערען אין רוים א מאדנע מעלאדיע. פון דאס ניי געבארען ווערען, בעטריגענדיג דעם אויער, געקלונגען קלעגליך און שטיל — אבגעהאקט — ווידער געקלונגען. ווי גרויסע, דורכזיכטיגע, גלעזערנע טראפענס, פון א אונבעוואוסטער הויך, זענען געפאלען אין דער מעטאלענער, שטיל־קלינגענדער דעקעל די שעה'ן און מינוטען. אדער וואנדערענדע פויגלעך זענען געפלויגען.

אין די קאמערן, וואו ס'זענען געזעסען אייצינגווייז די פער־משפט'ע, פלעגט מיי ביי טאג סיי ביי נאכט זיך פערטראגען בלויז דער דאזיגער קלונג. דורכ'ן דאך, דורך די גרעב פון די שטיינערנע זענד פלעגט ער אריינדרינגען, וויגענדיג די שטילקייט — אוועקגעהן אונבעמערקבאר, כדי פון דאס ניי, אויך אזוי אונבעמערקט, צו קומען. אמאל פלעגט'ן זעגען אידם פערגעסען און ניט פערנעהמען אידם; אמאל מיט פערצווייפלונג ערווארטען אידם, לעבענדיג פון קלונג צו קלונג, שוין ניט טרויענדיג דער שטילקייט. נאר פאר וויכטיגע פערברעכער איז געווען בעשטימט אט די טורמע, בעזונדערע זענען דארט געווען תקנות, שטרענגע, הארבע און הארטע, ווי דער ווינקעל פון דער פעסטונג־וואנד; און אויב אין אכזריות איז פאראן אידעלמוט, איז אידעלמוטיג געווען די טויבע, טויטע פייערליך־שטומע שטילקייט, וואס פאנגט די געוישען אוי דאס לייכטע אטהמען.

און אין דער דאזיגער פייערליכער שטילקייט, וואס ווערט געוויגט דורכ'ן אומעדיגען קלונג פון די פליהענדע מינוטען, אבגעטיילט פון אלעם לעבעדיגעס, האבען פינף מענשען, דריי מאנזביל און צוויי פרויענצימער, געווארט דאס אנקומען פון דער נאכט, דעם בעגינען און דעם טוידט, און יעדער אויף זיין ארט געגרייט זיך צו אידם.

7. קיין טוידט איז ניטא.

ווי דעם גאנצען לעבען אידרען האט טאניע קאוואלטשוק

געטראַכט נאָר וועגען אַנדערע און קיין מאָל ניט וועגען זיך, אַזוי אויך איצט האָט זי נאָר פֿאַר אַנדערע זיך געמאַטערט און שטאַרק געקלעמט זיך. דעם טוידט האָט זי זיך פֿאָרגעשטעלט אויף אַזוי פֿיעל, אויף ווי פֿיעל ער שטעהט־פֿאָר, ווי עטוואָס פֿיינדליכעס, סעריאָזשע גאַלאָווינ׳ען, מוסיע׳ן, אַנדערע — צו איהר אַליין — האָט ער ווי אַזוי ניט אָנגערירט.

און נאָכגעבענדיג זיך פֿאַר די געצוואונגענע שטייפֿקייט ביים געריכט, האָט זי שעה׳ן־לאַנג געוויינט — ווי ס׳קענען וויינען אַלטע ווייבער, וואָס זענען אויסגעשטאַנען אין לעבען, אָדער יונגע, נאָר זעהר באַרמהערציגע, זעהר גוטע מענשען. דער רעיון וועגען דעם, טאָמער איז ביי סעריאָזשען ניטאָ קיין טאַבאַק, און אפשר פֿעהלט אויס וועגען דער שטאַרקער טהע, צו וועלכען ער איז געוואוינט און דאָס נאָך אַלס צוגאָב צום דעם, וואָס זיי דאַרפֿען שטאַרבען — דאָס האָט איהר פֿערשאַפֿט יסורים, אפשר, ניט קלענערע, ווי דער עצם געדאַנק וועגען טוידט. דער טוידטשטראָף, דאָס איז עטוואָס אונפֿערמיידליכעס, און אַפֿילו זייטיגעס, וועגען וואָס ס׳לוינט גאָר ניט צו טראַכטען, נאָר אויב ביי מענשען אין טורמע, און נאָך פֿאַר׳ן טוידט, איז ניטאָ קיין טאַבאַק, דאָס איז שוין גאָר ניט צו פֿערטראָגען. זי האָט דערמאָהנט, איבערגעקליבען אין זכרון די מילדע איינצעלהייטען פֿונ׳ם געמיינזאַמען לעבען און איז פֿער־גאַנגען פֿון שרעק, פֿאָרשטעלענדיג זיך די בעגעגעניש פֿון סערגיי׳ען מיט די עלטערן.

און מיט אַ בעזונדער מיטלייד האָט זי בעדויערט מוסיע׳ן. שוין לאַנג האָט זיך איהר געדוכט, אַז מוסיע האָט ליעב ווער־נער׳ן, און הגם דאָס איז געווען דורכאויס ניט ריכטיג, פֿון דעסטוועגען האָט זי פֿאַנטאַזירט פֿאַר זיי ביידען וועגען עפּעס גוטעס און ליכ־טיגעס. אויף דער פֿרייהייט האָט מוסיע געטראָגען אַ זילבער׳ן פֿינ־גערל, אויף וועלכען ס׳איז געווען אויסגעקריצט אַ שאַרבען, אַ ביין און אַ דערנער־קראַנץ אַרום זיי; און אָפֿט, מיט צער, האָט געקוקט טאַניע קאָוואַלטשוק אויפֿ׳ן דאָזיגען פֿינגערל, ווי אויף אַ סימבאָל פֿון מסירת נפֿש, און אַ מאָל שפּאַסענדיג, אַ מאָל ערנסט האָט זי איינגערעדט מוסיע׳ן אַראָפּנעהמען איהם.

— שענק מיר איהם, — האָט זי זיך געבעטען.

— ניין, טאַנעטשקע, כ׳וועל ניט שענקען, און ביי דיר וועט אין גיכען זיין אַנ׳אַנדער רינגעלע אויפֿ׳ן פֿינגער.

עפּעס האָט׳ן וועגען איהר אויך געטראַכט, אַז זי וועט אויך געווים און אין גיכען זיך פֿערהייראַטען, און דאָס האָט זי בעליי־

דיגט — װעגען א מאן האט זי אפילו טראכטען ניט געװאלט — און דערמאהנענדיג די האלב־שפאסיגע שמועסען איהרע מיט מוסיע'ן, און דאס, װאס מוסיע שטעהט איצט װירקליך פאר'ן אונפערמײדליכען טוידט, האט זי זיך געשטיקט פון טרערען, פון מוטערליכען צער. און יעדער מאל, װען ס'פלעגט שלאגען דער זײגער, פלעגט זי אויפהויבען דאס פערװײנטע געזיכט און צוהערען זיך — װי דארטען, אין יענע קאמערן בעגעגענט'ן דעם דאזיגען ציהענדיגען, הארטנעקיגען רוף פונ'ם טוידט.

און מוסיע איז געװען גליקליך.

פערלעגענדיג אויפ'ן רוקען די הענד, אין א גרויסען, ניט נאכ'ן װאוקס, ארעסטאנטען־כאלאט, װעלכער מאכט זי מאדנע ענגליך אויף א מאנזביל, אויף א יונגאינגעל, װאס האט אויף זיך אנגעטאן פרעמדע בגדים, האט זי געשפרײזט מיט גלײכע טריט און ניט מיעד װערענדיג. די ארבעל פון כאלאט זענען געװען לאנג, און זי האט זײ פערקאשערט, און די דינע, כמעט קינדערשע, אויסגעצערטע הענד, האבען ארויסגעקוקט פון די ברײטע לעכער, װי בלומען־שטענגלען פון א פראסטען, שמוציגען קרוג. דעם װײסען צארטען האלז האט געמוליעט און געריבען די גראבע מאטעריע, און װען ניט װען, מיט א בעװעגונג פון בײדע הענד, פלעגט מוסיע בעפרײען די האלז און האט פארזיכטיג געטאפט מיט'ן פינגער יענעם ארט, װאו ס'איז געװען רויט און אנגעבראקנעט די צורײצטע הויט.

מוסיע איז געגאנגען הין און צוריק — און האט זיך פערענטפערט פאר די מענשען, זײענדיג רויט און אויפגערעגט, און פערענטפערט האט זי זיך דערפאר, װאס זי, א יונגינקע, ניט קײן אנגעזעהענע, װאס האט געטאן אזוי װיניג און װאס איז גאר ניט קײן העלד, װעט'ן אומברענגען מיט יענעם בכבודיגען און הערליכען טוידט, מיט װעלכען ס'פלעגען שטארבען ביז איהר אמת'ע העלדען און מערטירער. מיט אנ'אונערשיטערליכען גלויבען אין די מענשליכע גוטסקײט, און מיטפיהל, און ליבע האט זי זיך פארגעשטעלט, װי מענשען קלעמען זיך איצט פון איהרטװעגען, װי זײ קװעלען זיך; לעגען רחמנות — און, זי האט זיך געשעמט אזוי, אז זי איז אפילו רויט געװארען, אזוי װי שטארבענדיג אויפ'ן תליה, װאלט זי אבגעטאן דערמיט עפעס אזוינס, װאס איז משונה אונגעשיקט.

זי האט שוין געבעטען בײם זעהען זיך דעם לעצטען מאל מיט'ן פערטײדיגער, ער זאל איהר קריגען סם, נאר פלוצלונג האט

זי זיך געכאַפּט: און אויב ער און די איבעריגע וועלען מיינען, אַז דאָס איז כּדי אויסצופּײַנען זיך אָדער פון שרעק, און אָנשטאָט צו שטאַרבען בעשיידען און אונבעמערקט, וועט זי אָנמאַכען טומעל נאָך מעהר? און האָט אײַליג צוגעגעבען:

— ניין, גלייבער ניט.

און איצט האָט זי געוואָלט נאָר איינס: ערקלערען די מענשען און בעווײַזען זיי גענוי, אַז זי איז ניט קיין העלד, אַז שטאַרבען איז גאָר ניט שרעקליך, און אַז מ'זאָל וועגען איהר ניט קלעמען זיך און ניט דאגה'ן. ערקלערען זיי, אַז זי איז אַ האָהר ניט שולדיג דערין, וואָס זי, אַזאַ יונגינקע, אונבעדייטענדע ווערט אומגעבראַכט דורך אַזאַ טוידט און וואָס מ'הויבט אויף פון איהרטוועגען אַזאַ טומעל.

ווי אַ מענשען, וועלכען מ'בעשולדיגט טאַקי אויף אַן אמת, האָט מוסיע געזוכט צו פערענטפערן זיך, זיך געסטאַרעט צוגעפינען כאָטש וואָס ניט איז, וואָס ס'זאָל דערהויבען איהר קרבן, צוגעבען איהם אַן אמת'ן ווערט. געטראַכט בײַ זיך:

— אודאי, איך בין יונג און וואָלט נאָך געקענט לאַנג לעבען. אָבער?...

און ווי ס'פערדונקעלט אַ ליכט בײַם שײַן פון דער אויפגעהענדער זון, אַזוי טריעב און פינסטער האָט אויסגעוויזען די יוגענד און דאָס לעבען אין פערגלײַך מיט יענעם ערהויבענעם און פּרעכטיגען, וואָס ס'דאַרפט בעשטראַהלען איהר בעשיידענעם קאָפּ. ניטאָ מיט וואָס צו פערענטפערן זיך. ניטאָ קיין בערעכטיגונג.

נאָר פיליכט איז יענעס אייגענטימליכעס, וואָס זי טראָגט אין דער נשמה — די גרענצלאָזע ליבע, די גרענצלאָזע מסירת-נפש, דער גרענצלאָזער בטול פונ'ם אייגענעם לעבען? זי איז דאָך באמת ניט שולדיג, וואָס מ'האָט איהר ניט געלאָזען טאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקענט און געוואָלט — אומגעבראַכט זי אויפ'ן שוועל פון טעמפּעל, אויפ'ן שטאַפּעל פון מזבח.

נאָר אויב דאָס איז אַזוי, אויב דער מענש ווערט געשאַצט ניט נאָר נאָך דעם, וואָס ער האָט געטאָן, נאָר אויך נאָך דעם, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן, דאַן... דאַן איז זי ווערט דעם מערטירער-קראַנץ.

— טאַקי? — טראַכט מוסיע פערשעמט. ניט שיים-זשע בין איך ווערט? ווערט, אַז מענשען זאָלען וועגען מיר וויינען, קלעמען זיך, וועגען מיר, אַזאַ קליינינקער און אונבעדייטענדער?

און אַ אונבעשרײַבליכע פרייד נעהמט זי אַרום. ניטאָ ניט

קיין ספיקות, ניט קיין קווינקלעניש, זי האט די זכיה, זי טרעט אריין צוגלייך מיט אנדערע אין די רייהען פון יענע קדושים און ריינע, וואס געהען פון אייביג, דורך פייער, עינוים און טוידט, צום הייליגען הימעל. א קלארער פרידען. און רוהע און א גרענצלאזעס, שטיל־שטראהלענדעס גליק. אקוראט ווי זי האט שוין פערלאזען די ערד, און זיך דערנעהערט צו אנ׳אונבעוואוסטער זין פון אמת און לעבען, און ווי א גייסטיגעס וועזען טוט זי שוועבען אין זיין שיין.

און דאס — איז דער טוידט. וואס־זשע איז דאס פאר א טוידט?

— טראכט מוסיע גליקזעליג.

און ווען ס׳וואלטען זיך צונויפגעקליבען צו איהר אין קאמער פון דער גאנצער וועלט געלעהרטע, פילאזאפען און תלינים, וואלטען פאנאנדערגעלעגט פאר איהר ביכער, אנאטאמישע מעסערס, העק און פעטליעס און אנגעהויבען צו דערווייזען, אז דער טוידט עקזיסטירט, אז דער מענש שטארבט און ווערט טוידט, אז קיין אונשטערבליכקייט איז ניטא — וואלטען זיי איהר בלויז פערוואונדערט. וואס הייסט ניטא קיין אונשטערבליכקייט, אז שוין איצט איז זי אונשטערבליך? וועגען נאך וואס פאר א אונשטערבליכקייט, וועגען נאך וואס פאר א טוידט קען מען ריידען, אז שוין איצט איז זי טוידט און אונשטערבליך, לעבעדיג אין טוידט, ווי זי איז געוועזען לעבעדיג אין לעבען?

און ווען צו איהר אין קאמער, אנפיהלענדיג זי מיט א שווערען גערוך, וואלט׳ן אריינגעטראגען אנ׳ארון מיט איהר אייגענעם פוילענדען גוף און געזאגט:

— זעה! אט דאס ביזטו!

וואלט זי א קוק געגעבען און געענטפערט:

— ניין. דאס איז ניט איך.

און אז מ׳וואלט אנגעהויבען איינצורעדען זי, שרעקענדיג מיט׳ן גרויזאמען בילד פון פוילען, אז דאס איז זי — זי! — וואלט מוסיע געענטפערט מיט א שמייכעל:

— ניין. דאס קלערט איהר, אז דאס בין — איך, נאר דאס איז ניט איך. איך בין, זי, מיט וועלכער איהר רעדט, ווי אזוי־זשע קען איך זיין אט דאס?

— אבער דו וועסט שטארבען און וועסט ווערען אט דאס.

— ניין, כ׳וועל ניט שטארבען.

— מ׳וועט דיך טוידטען. אט איז די פעטליע.

— מיך וועט׳ן טוידטען, נאר איך וועל ניט שטארבען. ווי

קען איך שטאַרבען, אַז שוין אָט איצט בין איך — אונשטערבליך?

און כ׳וואָלטען אָבגעטראָטען די געלעהרטע, פילאָזאָפען און תלינים, זאָגענדיג מיט אַ ציטערניש:

— ניט ריהרט אָן אָט דאָס אָרט. דאָס אָרט — איז הייליג.

וועגען וואָס נאָך האָט מוסיע געטראַכט? וועגען פילעס האָט זי געטראַכט — וויל דער פאָדים פון לעבען האָט זיך ניט אָבגעריסען פאַר איהר מיט׳ן טוידט, און האָט זיך געוועבט רוהיג און גלייך. זי האָט געטראַכט וועגען די חברים — און וועגען יענע ווייטע, וואָס ניט קימער און צער לעבען איבער זייער טוידט. און וועגען יענע נאָהענטע, וואָס וועלען צוזאַמען אַרויפגעהן אויפ׳ן עשאַפאָט. האָט זיך געוואונדערט איבער וואַסיליען, וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען — ער איז שטענדיג געווען זעהר מוטיג און האָט אַפילו געקענט שפּילען מיט׳ן טוידט. אָט אַזוי נאָך אין דער פריה, דיענסטאָג, בעת זיי האָבען מיט וואַסיליען זיך אָנגעגורט מיט די באָמבעס, וואָס האָבען געזאָלט אין אַ פאָר שעה אַרום צורייסען זיי אַליין, איז ביי טאַניע קאָוואַלטשוק האָבען געציטערט די הענד פון אויפרעגונג, און מ׳האָט זי געמוזט בעזייטיגען, און וואַסילי האָט געשפּאַסט, געמאַכט תנועות, געדרעהט זיך, געווען אַזוי ניט פאָרזיכטיג אַפילו, אַז ווערנער האָט שטרענג געזאָגט:

— מ׳דאַרף ניט חבר׳ן זיך מיט׳ן טוידט.

וואָס־זשע האָט ער זיך איצט דערשראָקען? נאָר אַזוי פרעמד איז געווען מוסיעס נשמה אָט דער אונפערשטענדליכער שרעק, אַז גיך האָט זי אויפגעהערט קלערען וועגען איהם און זוכען די סבה — פלוצלונג האָט זיך מורא׳דיג פערגלוסט צו זעהען סעריאָזשע גאָלאָווין און וועגען עפּעס אַלאַך טאָן מיט איהם. אַטראַכט געטאָן — און נאָך שטאַרקער האָט זיך פערגלוסט צו זעהען ווערנער׳ן און אין עפּעס וואָס איבעררײדען איהם. און, פאָרשטעלענדיג, אַז ווערנער געהט אין איין שורה מיט איהר מיט זיין געלאַסענעם געמאָסטענעם, פעסטען גאַנג, האָט מוסיע צו איהם גערעדט:

— ניין, ווערנער, טייערינקער, דאָס איז אַלץ נאַרישקייטען, דאָס איז גאָר ניט וויכטיג, צי דו האָסט ערמאָרדעט א א אָדער ניט. דו ביזסט אַ קלוגער, נאָר ביזסט אַזוי, ווי דו וואָלסט שפּילען דיין שאָך: נעהמען איין פיגור, נעהמען אַ צווייטע, יענעמאָל איז געוואונען. דאָס איז וויכטיג, ווערנער, וואָס מיר זענען אַליין בערייט צו שטאַרבען. פערשטעהסט? אייגענטליך וואָס מיינען אָט די לייט? אַז ס׳איז ניטאָ קיין שרעקליכערע זאַך, ווי דער טוידט. אַליין האָבען זיי אויסגעקלערט דעם טוידט, אַליין האָבען זיי פאַר איהם מורא און שרעקען

אונז. מיר וואלט זיך אפילו אזוי געוואלט: ארויסגעהן איינע אליין פאר א גאנצען פאלק סאלדאטען און אנהויבען שיסען אין זיי פון א בראונינג. זאל זיין, איך בין איינע, און זיי זענען טויזענדער, און איך וועל קיינעם ניט דער'הרג'ענען. אט דאס טאקי איז וויכטיג, וואס זייערע איז טויזענדער. אז טויזענדער דער'הרג'ענען איינעם, הייסט עס, אז געזיגט האט דער איינער. דאס איז אמת, ווערנער, טייערינקער.

נאר אויך דאס איז געווען אזוי קלאר, אז ס'האט זיך ניט געוואלט צו דערווייזען ווייטער — ווערנער האט איצט אליין אויך פערשטאנען, געוויס. און אפשר, האט זיך גלאט ניט געוואלט איהר געדאנק אויפהאלטען זיך אויף איינס — ווי א לייכט שוועבענדען פויגעל, וואס פערנעמט מיט זיין בליק די גרענצלאזע האריזאנטען, פאר וועמען ס'ענטפלעקען זיך די גאנצע ברייטעניש, די גאנצע טיפעניש, די גאנצע פרייד פון דעם לאסטשענדען צארטען הימעל-בלוי. ס'האט געקלונגען דער זייגער אהן אויפהער, וויגענדיג די טויבע שטילקייט; און אין אט דעם הארמאנישען, ווייטליך-הערליכען שאלל האבען זיך אריינגעמאסען געדאנקען און האבען אויך אנגעפאנגען צו קלינגען: און די מוזיק זענען געווארען די פליבענד-שוועבענדע בילדער. ווי מוסיע וואלט אין א שטילער פינסטערער נאכט געפאהרען ערגעץ-וואו איבער א ברייטען גלייכען וועג, און ס'טרייסלען זיך די ווייכע רעסארען און ס'קלינגען די גלעקלעך. ס'זענען פערגאנגען אלע זארגען און ערגערנישען, ס'האט זיך אויסגעלעזט פון פינסטערניש דער מידער קערפער און דער פריידיג-מידער געדאנק האט רוהיג געשאפען קלארע בילדער, האט זיך בעטרונקען מיט זייערע פארבען און שטילער רוה. ס'האט דערמאהנט מוסיע דריי חברים איהרע, וואס מ'האט ניט לאנג אויפגעהאנגען, און די געזיכטער זייערע זענען געווען קלאר און פריידיג און נאהענט — נעהנטער פאר די שיין, וואס אין לעבען. אזוי טראכט פון פריהמארגען א מענש וועגען דעם הויז פון זיינע פריינד, וואו ער וועט אריינגעהן אין אווענד מיט א בעגריסונג אויף די שמייכלענדע ליפען.

ס'איז זעהר מיעד געווארען מוסיע פון געהן. האט זיך צוגעלעגט פארזיכטיג אויפ'ן בעטעל און ווידער געטרוימט מיט לייכט פערמאכטע אויגען. ס'האט געקלונגען דער זייגער אהן אויפהער, ערשיטערנדיג די שטומע שטילקייט, און אין זיינע קלינגענדע ברעגען האבען שטיל געשוואומען שטראהלענדע, זינגענדע געשטאלטען. מוסיע האט געטראכט:

— ניט שיים-ושע איז דאָס דער טוידט? גאָט מיינער, ווי הערליך ער איז! אָדער איז עס דאָס לעבען? כ'ווייס ניט, כ'ווייס ניט, כ'וועל קוקען און הערען.

שוין לאַנג, פון די ערשטע טעג פון ארעסט, האָט אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען איהר אויער. אַ זעהר מוזיקאַלישער, האָט ער זיך פערשאַרפט דורך די שטילקייט און אויפ'ן פאָן איהרען האָט ער פון די אָרימע ברעקלעך ווירקליכקייט, מיט איהרע טריט פון די שומרים אין קאָרידאָר, מיטן קלונג פון זייגער, מיט'ן שאָרך פון ווינד אויפ'ן אייזערנעם דאַך, מיט'ן סקריפּ פון לאַטערנע, געשאַפען גאַנצע מוזיקאַלישע בילדער. אין אָנהויב האָט מוסיע זיך געשראָקען פאַר זיי, פלעגט יאָגען פון זיך, ווי קרענקליכע פאַנטאַזיע-בילדער, נאָכדעם האָט זי פערשטאַנען, אַז אַליין איז זי געזונד און קיין קרענקליכקייט איז דאָ ניטאָ—און האָט אָנגעהויבען זיי זיך איבערצוגעבען רוהיג.

און איצט — פּלוצלונג האָט זי גאַנץ דייטליך און קלאָר פערנומען דאָס שאַללען פון מיליטער-מוזיק. ערשטוינט האָט זי געעפענט די אויגען, אויפגעהויבען דעם קאָפּ—הינטער'ן פענסטער איז געשטאַנען די נאַכט און דער זייגער האָט געקלונגען. ווידער, הייסט עס! — האָט זי אַ טראַכט געטאָן רוהיג און פערמאַכט די אויגען. און ווי נאָר זי האָט פערמאַכט די אויגען, האָט די מוזיק ווידער גענומען שפּילען. דייטליך הערט זיך, ווי פון הינטער'ן ווינקעל פון דער געביידע, רעכטס, געהען אַרויס סאָלדאַטען, אַ גאַנצער פּאָלק, און געהען דורך פערביי פענסטער. די פיס קלאַפּען גלייכמעסיג צום טאַקט אָן דער געפּראָבטער ערד: איינס-צוויי! איינס-צוויי! מ'הערט אפילו, ווי אַמאָל סקריפּעט אונטער די פעל פון אַ שטיוועל, פּלוצלונג טוט זיך אַ גליטש און באַלד גלייכט זיך אויס עמיצענס פוס. און די מוזיק ווערט נעהענטער: אַן אומבעקאַנטער, נאָר זעהר אַ הילכיגער און מונטערער יום-טוב'דיגער מאַרש. קענטיג איז פעסטיג איז עפּעס אַ יום-טוב.

אָט איז דער אָרקעסטער פאַרביי פענסטער, און די גאַנצע קאַמער איז פול מיט פרעהליכע, ריטמישע, אין איינס צונויפגעגאָסענע פערשידענקלינגענדע טענער. איין טרומייט, אַ גרויסער, אַ מעסענער, טרומייטערט מאָדנע פאַלש, אָט פערשפעטיגט ער, ! אָט פערלויפט ער קאָמיש פאָראויס — מוס'ע זעהט דעם סאָלדאַט'ל מיט'ן דאָזיגען טרומייט, זיין אָנגעשטרענגט געזיכט, און לאַכט.

אַלץ פערגעהט. ס'שטאַרבען אָב די טריט: איינס-צוויי! איינס-צוויי! פון דערווייטען איז די מוזיק נאָך שענער און פרעהליכער. נאָך

אמאל, א צווייטען, הויך, פאלש-לוסטיג ער שאללט מיט א מעסענער שטים דער טרומייט און אלץ ווערט פערלאשען. און ווידער אויפ'ן טורם קלינגט-אויס דער זייגער, לאנגזאם, אומעדיג, קוים, קוים וויגענדיג די שטילקייט.

— אוועקגעגאנגען! — טראכט מוסיע מיט א ליכטער בענקשאפט. איהר טוט לייד, וואס ס'זענען פערשוואונדען די טענער, אזעלכע פרעהליכע און לעכערליכע; ס'טוט איהר לייד, וואס ס'זענען אוועק די סאלדאטיקעס, ווייל אט די פלייסיגע, מיט די מעשענע טרומייטען, מיט די לייכט סקריפענדע שטיוועל זענען גאר אנדערע, גאר ניט די, אין וועלכע זי וואלט וועלען שיסען פון א בראונינג.

— נו, נאך! — בעט זי וויינ. און ס'קומען נאך. און פערבויגען זיך איבער איהר, און רינגלען זי ארום מיט א דורכזיכטיגען וואלקען און הויבען אויף אין דער הויך, אהין, וואו ס'טראגען זיך וואנדערענדע פויגלען און שרייען, ווי העראלדען. רעכטס, לינקס, אין דער הויך, אין דער נידער, און שרייען, ווי העראלדען. רופען, און גיבען צו וויסען, זאגען אן ווייט וועגען זייער פליהען. בדייט מאכען זיי מיט די פליגלען, און די פינסטערניש האלט זיי. ווי ס'האלט זיי די ליכטיגקייט; און אויף די בולטע ברוסטען, וואס שניידען-דורך די לופט, שלאגט אב פון אינצין מיט א בלויקייט די שטראהלענדע שטאדט. אלץ גלייכער קלאפט דאס הארץ, אלץ רוהיגער און שטילער איז מוסיעס אטעם. זי שלאפט איין. דאס געזיכט איז מיעד און בלאס; אונטער די אויגען — בלוי און אזוי דין די מיידעלשע אבגעצערטע הענד — און אויף די ליפען א שמייכעל. מארגען, אז ס'וועט אויפגעהן די זון, וועט אט דאס מענשליכעס געזיכט פערלאמט ווערען מיט ניט-מענשליכער גרימאסע, פערגינען ווערען מיט געדיכטען בלוט דער מארך און ס'וועלען ארויסקריכען פון די לעכער די פערגלעזערטע אויגען — נאר היינט שלאפט זי שטיל און שמייכעלט אין דער גרויסער אונשטערבליכקייט איהרער.

ס'האט איינגעשלאפען מוסיע.

און אין טורמע געהט זיך איהר לעבען, א טויבעס און וואלזאמעס, בלינדעס און שארפזיכטיגעס, ווי די אייביגע אונרוה אליין. ערגעץ-וואו געהט'ן, ערגעץ-וואו סודעט'ן זיך, ערגעץ-וואו האט א קלאפ געטאן א ביקס. עפיס האט עמיץ א געשריי געטאן. און אפשר האט קיינער ניט געשריען — ס'דוכט זיך איינפאך פון שטילקייט.

אט האט זיך לויז אבגעבויגט די פערטעל פון טיר — אין

דער פינסטערער לאָך בעווייזט זיך אַ פינסטער וואָנציג־געזיכט. לאַנג און פערוואונדערט גלאָצט ער אויף מוסי'ן די אויגען — און ווערט פערשוואונדען שטיל, ווי ער איז געקומען.

כיקלינגען און זינגען די קראַנטען — לאַנג, פיינדליך. אַ קו־ראַט ווי אויף אַ הויך, בארג פויזען אין האַלבע נאַכט מידע שעה'ן און אַלץ שווערער און הארבער דער אַרויפגאַנג. רייסען זיך אַראָב, גלישען זיך אויס, פליהען מיט אַ קרעכצעריי נאָך אונטען — און פויזען ווידער פיינדליך צו זייער פינסטערען גיפּעל.

ערגעץ־וואו געדט'ן. ערגעץ־וואו סודעט'ן זיך. און מ'שפּאַנט שוין די פערד אין די שוואַרצע אָהן לאַנטערנעס קאַרעטען.

8. כ'איז דאָ אי טוידט, ס'איז דאָ אי לעבען.

הייגען טוידט האָט כעריי גאָלאָווין קיין מאָל ניט געטראַכט, ווי וועגען עפּעס זייטיגעס, וואָס האָט צו איהם קיין שייכות ניט. ער איז געווען אַ שטאַרקער, געזונדטער פרעהליכער יונגער־מאַן, בעשענקט מיט יענער רוהיגער און קלאָרער לעבענסלוסטיג־קייט, ביי וועלכער יעדער שלעכטער, שעדליכער פאַר'ן לעבען געדאַנק אָדער געפיהל ווערען געשווינד און שפּורלאָז פערשוואונ־דען אין אָרגאַניזם. ווי ס'פלעגען געשווינד פערהיילט ווערען ביי איהם אַ שניט, אַ וואונד, אַ שטאָך, אַזוי פלעגט אויך יעדעס לע־סטיגעס, וואָס פערוואונדעט די נשמה, אַרויסגעשטויסען ווערען אין דרויסען און פערגעהן. און אין יעדער זאַך אָדער אַפילו שפּיעל, צו ער האָט זיך פערנומען מיט פאָטאָגראַפיע, מיט אַ וועליסאָפּעד אָדער געגרייט צו אַ טעררארישטישען אַקט, האָט ער אַריינגעטראָגען די זעלביגע רוהיגע און לעבענסלוסטיגע ערנסטקייט; אַלץ אין לעבען איז לוסטיג, אַלץ אין לעבען איז וויכטיג, אַלץ בעדאַרף'ן טאָן גוט.

און אַלץ האָט ער געטאָן גוט: פּאָרטרעפליך איינגעקירעוועט זיך מיט אַ זעגעל־שיף, געשאָסען פון אַ רעוואָלווער אויסגעצייכענט; געווען פעסט אין פריינדשאַפט, ווי אין ליבע, און האָט פאַנאַטיש געגלויבט אין אַ „ערהרען־וואָרט". די חברים פלעגען לאַכען פון איהם, אַז ווען אַ פּאָליציי־אַגענט, אַ קענטיגער פּרצוף, אַ בעוואוסטער שפּיאָן זאָל איהם געבען אַן ערהרען־וואָרט — וועט כעריי איהם גלויבען און דריקען איהם פריינדליך די האַנד. געווען איין חסרון: ער איז געווען זיכער, אַז ער זינגט גוט, בעת ער האָט ניט געהאַט קיין ברעקיל־דיש השמיעה, געזונגען עקעלהאַפט און פאַלש אַפילו רעוואָלוציאָ־

גערע ליעדער; און פלעגט זיך פיהלען בעליידיגט, אז מ'פלעגט לאכען.

— אדער איהר זייט אלע אייזלען, אדער איך בין אנ'אייזעל — פלעגט ער זאגען ערנסט און בעליידיגט. און אויך אזוי ערנסט, א קלער טאהנדיג, פלעגען אלע בעשליסען:

— דו ביזסט אנ'אייזעל. מ'הערט נאכ'ן קול נאך.

נאר פאר דעם דאזיגען חסרון, ווי ס'טרעפט אפט מיט וואוילע מענשען, האט'ן איהם ליעב געהאט, אפשר, נאך מעהר, ווי פאר זיינע מעלות.

פאר דעם טוידט האט ער אויך אזוי פיעל ניט מורא געהאט און אזוי וועניג געטראכט וועגען איהם, אז אין יענעם ענטשיידענעם פריהמארגען, איידער ער איז ארויס פון טאגיגע קאוואלטשוק'ס קווארטיר, האט ער אליין, ווי געהעריג, מיט אפעטיט, געפרישטיקט; אויסגעטרונקען צוויי גלאז טיי, צומישט העלפט אויף העלפט מיט מילך, און אויפגעגעסען א גאנצע פינפקאפיקענע בולקע. נאכדעם האט ער א קוק געטאן מיט קלעמעניש אויף ווערנער'ס ניט אנגערירהרטען ברויט און געזאגט:

— פאר וואס עפעס עסטו ניט? עס, מ'דארף אונטערלעהגען דאס הארץ.

— ס'ווילט זיך ניט.

— נו, וועל איך אויפעסען. גוט?

— אבער אנ'אפעטיט האסטו, סעריאזשע.

אנ'שטאט אנ'ענטפער, האט סערגיי, מיט אנ'אנגעשטאפטען מויל, פערשטיקט און פאלש גענומען זינגען:

— וויכרי ווראזשדעבניע...

נאכ'ן ארעסט האט איהם לכתחילה געריסען דאס הארץ: געמאכט ניט גוט, דורכגעפאלען, נאר האט א טראכט געטאן: „איצט איז דא אנ'אנדער זאך, וואס מ'דארף טאן גוט — שטארבען", און איז פרעהליך געווארען. און ווי משונה דאס זאל ניט זיין, פון צווייטען פריהמארגען אן אין פעסטונג, האט ער אנגעהויבען צו פערנעהמען זיך מיט גימנאסטיק נאך א אונגעוועהנליך ראציאנעלער סיסטעם פון עפעס א דייטש מיללער, און וועלכער ער האט זיך שטארק פערקאכט: אויסגעטאן זיך נאקעט און, ארויסרופענדיג א אונרוהיגע פערוואונדערונג ביים שומר, וואס האט אויף איהם אכטונג געגעבען, האט ער פונקטליך דורכגעמאכט אלע פארגעשריבענע אכצעהן איבונגען. און דאס, וואס דער שומר האט צוגעקוקט און גע'חידוש'ט זיך, האט איהם הנאה געטאן, ווי א פראפאגאנדיסט

פון מיללער'ס סיסטעם; און הגם ער האט געוואוסט, אז קיין ענט־פער וועט זיך ניט בעקומען, האט ער דאך געזאגט צום אויג, וואס האט געטארטשעט אין פענסטעריל:

— ס'קרעפטיגט, ברודער־לעבען, מאדנע גוט. אט וואס מ'האט געדארפט איינפיהרען ביי אייך אין פאלק — האט ער א געשריי גע־טאן איבערצייגענד אין לויז, כדי ניט צו דערשרעקען דעם סאלדאט, און איהם איז אויפ'ן זינען ניט ארויף, אז יענער רעכענט איהם איינפאך פאר משוגע.

דער פחד פאר דעם טויט האט אנגעהויבען אויפצוקומען ביי איהם ביסלעכווייז און עפעס שטופענווייז: אזוי ווי עמיץ וואלט גענומען און פון אונטען מיט'ן גאנצען כח, א שטויס געטאן דאס דארץ מיט'ן קולאק. ס'טוט גיכער וועה, איידער ס'שרעקט. נאכ־דעם ווערט די עמפפינדונג פערגעסען — און אין א פאר שעה ארום איז זי ווידער דא, און מיט יעדער מאל ווערט זי דויערענדער און שטארקער. און שוין קלאר הויבט עס אן אנצונעהמען טריבע קאנטורען פון עפעס א גרויסען און אפילו אינערטרעגליכען שרעק.

— ניט שיים־זשע האב איך מורא? — האט א קלעהר געטאן סערגיי מיט פערוואונדערונג — נייע נארישקייטען.

מורא געהאט האט ניט ער — ס'האט מורא געהאט זיין יונ־גער, קרעפטיגער שטארקער קערפער, וועלכען ס'איז ניט געלונ־גען אבצונארען ניט מיט דער גימנאסטיק פון דעם דייטש מיל־לער'ן, ניט מיט'ן קאלטען וואסער, מיט וועלכען ער פלעגט רייבען דעם קערפער.

און וואס שטארקער, וואס פרישער ס'פלעגט ווערען דער קערפער נאך די קאלטע וואסער, אלץ שארפער און אונערטרעג־ליכער פלעגט ווערען דאס געפיהל פון אנ'אויגענבליקליכען שרעק. און דוקא אין יענע מינוטען, ווען אויף דער פרייהייט פלעגט ער פיהלען א בעזונדער צופלוס פון לעבענסלוסטיגקייט און קראפט, אין דער פריה, נאך א שטארקען שלאף און פהיזישע איבונגען — פלעגט דא אויפקומען אט דער שארפער, עפעס ווי א פרעמדער שרעק. ער האט עס בעמערקט און א טראכט געטאן:

— נאריש, סערגיי. כדי ער זאל שטארבען גרינגער, דארפ'ן איהם אבשוואכען, און ניט פערשטארקען. נאריש!

און האט געווארפען די גימנאסטיק און אויפגעהערט צו רייבען זיך מיט קאלטען וואסער. און צום סאלדאט, כדי צו ערקלערען איהם און פערענטפערען זיך, האט ער א געשריי געטאן:

— דו קוק ניט, וואס איך האב דאס געווארפען. א זאך איז

זיבען געהאַנגענע.

דאָס, ברודער, אַ גוטע. נאָר פאַר די, וואָס מ'דאַרף הענגען, טויג דאָס ניט, אָבער פאַר אַלע אַנדערע — זעהר גוט.

און ס'איז טאַקי עפּעס אַזוי ווי גרינגער געוואָרען. געפּרופט ווינציגער עסען, כדי צו ווערען נאָך שוואַכער, נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ס'האָט געפעהלט ריינע לופט און גימנאַסטיק, איז דער אַפּעטיט געווען זעהר גרויס, ס'איז שווער געווען בייצוקומען, פלעגט אויפעסען אַלץ, וואָס מ'פלעגט ברענגען. הענסכאָל האָט ער אָנגעהויבען צו טאָן אַזוי: נאָך ניט נעהמענדיג זיך צום עסען, פלעגט ער אויסגיסען האַלב געקעכץ אין צעבער; און דאָס האָט אַזוי ווי געהאָלפען; ס'איז אויפגעקומען אַ שטומפּפע שלעפעריגקייט, אַ מידיגקייט.

— איך וועל דיר ווייזען! — האָט ער געסטראַשעט דעם קערפּער, און אַליין מיט אַ בענקשאַפט, צאַרטליך געפּידרט מיט'ן האַנד איבער די אָבגעשוואַכטע ווייכגעוואָרענע מוסקלען.

נאָר אין גיכען איז דער קערפּער געוואוינט געוואָרען צום דאָזיגען רעזשים, און דער פחד פאַר דעם טוידט האָט זיך באַוויזען ווידער — אמת, ניט אַזאַ שאַרפער, ניט אַזאַ פייערדיגער, נאָר נאָך אַ נידנערער, ענהליך אויף אַ ניטגוטקייט. „דאָס איז דערפאַר, וואָס מ'ציהט לאַנג" — האָט אַ קלער געטאָן סערגיי — „ס'וואָלט גוט געווען די גאַנצע צייט, ביז'ן טוידט, אָבצושלאָפען" און האָט זיך געסטאַרעט וואָס לענגער צו שלאָפען. אין אָנהויב האָט'ס געגאָלטען, נאָר נאָכדעם צי דערפאַר, וואָס ער האָט זיך איבערגעשלאָפען אָדער צוליעב אַנ'אַנדער סבה, האָט ער אויפגעהערט צו שלאָפען. און צוזאַמען מיט דער שלאָפלאָזיגקייט זענען געקומען טיפע שאַרפזיניגע געדאַנקען און צוזאַמען מיט זיי אַ בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט נאָך דעם לעבען.

— ניט שיים־זשע האָב איך פאַר איהם, פאַר דעם טייוועל, מורא? — האָט ער געקלערט וועגען טוידט — דאָס טוט מיר באַנק אויפ'ן לעבען. אַ טייערע זאַך — דאָס לעבען, וואָס די פּעססימיסטען זאָלען דאָרט ניט ריידען. וואָס אַנ'ערך, ווען מ'הענגט אויף אַ פּעססימיסט? אַך, אַנ'עבירה דאָס לעבען, אַ גרויסע עבירה. און נאָך וואָס איז ביי מיר אַ באָרד אויסגעוואָקסען? ניט געוואָקסען, ניט געוואָקסען, און דאָס איז זי מיט אַ מאָל אויסגעוואָקסען, און נאָך וואָס?

געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ טרויעריג און געזיפצט מיט דויערענדע, שווערע זיפצען. געשוויגען — און אַ דויערענדער, טיפער

זיפּץ; ווידער אַ קורצעס שווייגען — און פֿון דאָס ניי נאָך אַ לענגערער, שווערערער זיפּץ.

אַזוי איז געוועזן ביז'ן געריכט און ביז דער לעצטער שרעקליכער בעגעגעניש מיט די עלטערן. אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין קאַמער מיט אַ קלאָרען בעוואוסטזיין, אַז מיט'ן לעבען איז אַלץ אויס, אַז פֿאָראויס איז בלויז דאָ אַ פּאָר שטונדען וואַרטען אין וויסטקייט און דער טוידט — איז געוואָרען עפּעס מאָדנע. אַזוי ווי מ'וואָלט אידם ענטבלויזט אינגאַנצען — עפּעס אונגעוועהנליך ענטבלויזט — ניט נאָר די בגדים האָט'ן פֿון אידם אַראָבגענומען, נאָר אָבגעשונדען פֿון אידם די זון, די לופֿט, דעם טימעל, דעם שיין, דאָס טאָן, דעם ריידען. דער טוידט איז נאָך ניטאָ, נאָר ס'איז שוין ניטאָ דאָס לעבען, און ס'איז דאָ עטוואָס נייעס, איבערראַשענד-אונפֿערשטענדליכעס, עפּעס האָט עס גאָר קיין בּרעקעל זין ניט, און עפּעס האָט עס אַ זין, נאָר אַזאַ טיפֿען, געהיימניספֿולען און ניט-מענשליכען, אַז ענטפּלעקען אידם איז אונמעגליך.

— וואָס פֿאַר אַ טייוועל! — האָט מיט קלעמעניש זיך געידושט סערגיי — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מעשה? וואו בין איך, דען? איך... אַ וועלכער בין איך?

אַרומגעקוקט זיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אויפֿמערקזאַם, מיט אינטערעס, אָנהויבענדיג פֿון די גרויסע אַרעסטאַנטען-טופֿלעס, ענדיגענדיג מיט'ן בויך, אויף וועלכען ס'איז אָבגעשטאַנען דער כאַלאַט. דורכגעגאַנגען זיך איבערן קאַמער, מיט אויסגעשטרעקטע הענד און ניט אויפֿהערענדיג אַרומצוקוקען זיך, ווי אַ פֿרויענצימער אין אַ נייעם קלייד, וואָס איז אידר צו לאַנג. אַ דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ — ס'דרעהט זיך. און אָט דאָס, וואָס איז עפּעס אַביסעל שרעקליך, איז ער, סערגיי גאָלאָווין, און דאָס — וועט ניט זיין.

און אַלץ איז געוואָרען מאָדנע.

געפּרופֿט געהן איבער'ן קאַמער — מאָדנע, וואָס ער געהט. געפּרופֿט זיצען — מאָדנע וואָס ער זיצט. געפּרופֿט אויסטרינקען וואַסער — מאָדנע, וואָס ער טרינקט, שלינגט, האַלט די קענדעל, וואָס ס'איז דאָ פֿינגער און די דאָזיגע פֿינגער ציטערן. האָט זיך פֿערכליגעט, פֿערהוסט און, הוסטענדיג, געטראַכט: ס'איז מאָדנע זאַך, איך הוסט.

— וואָס איז דאָס מיט מיר, איך גע אַראָב פֿון מה צי וואָס!

— האָט אַ טראַכט געטאָן סערגיי, און ס'האָט אידם אָנגענומען אַ קעלט. — דאָס ט'נאָך געפֿעהלט, שדים זאָלען זיי נעהמען!

אַרייב געטאָן דעם שטערען מיט'ן האַנד, נאָר דאָס איז

אויך געווען מאָדנע. און דאַן, ניט אַטהמענדיג, אויף גאַנצע, ווי ס'האָט זיך געדוכט, שעה'ן, איז ער פערגליווערט געוואָרען אין אַ אומבעוועגליכער פאָזע, לעשענדיג יעדען געדאַנק, איינהאַלטענדיג דאָס הויכע אַטהמען, אויסמיידענדיג יעדע בעוועגונג — ווייל יעדער געדאַנק איז געווען אומזין, יעדער בעוועגונג איז געווען אומזין. די צייט איז ניט געוואָרען, אַזוי ווי זי איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין רוים, אין אַ דורכזיכטיגען לופטלאָזען רוים, אין אַ אומגעהייערען שטח, אויף וועלכען ס'איז אַלץ, אי די ערד, אי דאָס לעבען, אי די מענשען; און דאָס אַלץ זעהט זיך מיט איין קוק, אַלץ ביז'ן סאַמע סוף, ביז'ן געהיימניספולען תהום — דעם טוידט. און ניט אין דעם איז געווען די פּיין, וואָס ס'זעהט זיך דער טוידט, נאָר אין דעם, וואָס גלייכצייטיג זעהען זיך אי דאָס לעבען אי דער טוידט. מיט אַ פערשווערענדער האַנד איז אַראָפּגעריסען געוואָרען דער פאָרהאַנג, וואָס טוט פון אייביג אָן פערבאָרגען דאָס געהיימניס פון לעבען און דאָס געהיימניס פון טוידט, און זיי האָבען אויפגעהערט צו זיין אַ געהיימניס — נאָר אויך ניט געוואָרען פערשטענדליך, ווי אַן אמת, וואָס איז אויסגעקריצט אויף אַן אומבעקאַנטער שפּראַך. ס'איז ניט געווען אַזעלכע בעגריפען אין זיין מענשליכען מח, ס'איז ניט געווען אַזעלכע ווערטער אויף זיין מענשליכער שפּראַך, וועלכע זאָלען קענען אַרומנעהמען דאָס, וואָס ער האָט דערזעהען. און די ווערטער „מיך נעהמט אַ פחד" האָבען געקלונגען אין איהם נאָר דערפאַר, ווייל ס'איז ניט געווען קיין אַנדער וואָרט, ס'האָט ניט עקזיסטירט און ניט געקענט עקזיסטירען אַ בעגריף, וואָס זאָל ענטשפּרעכען דעם דאָזיגען נייעם, ניטמענשליכען צושטאַנד. אַזוי וואָלט געווען מיט אַ מענשען, ווען ער, בלייבענדיג אין די גרענצען פון דער מענשליכער השגה, ערפאַהרונג און חושים, וואָלט פּלוצלונג דערזעהען גאָט — דערזעהען און ניט פערשטאַנען, כאָטש ער וואָלט געוואוסט, אַז דאָס רופט זיך אָן גאָט, און וואָלט פערציטערט געוואָרען מיט אומערהערטע יסורים פון אַ אומערהערטען ניטפערשטעהן.

— אָט האָסטו דיר אַ מיללער! — האָט ער פּלוצלונג אויפ'ן קול, מיט אַן אויסעראָרדענטליכער איבערציינוגסקראַפט אַרויסגערעדט און אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. און מיט יענעם אומעריכטען פּלוצלונדיגען איבערגאַנג אין געפיהל, אויף וועלכען ס'איז אַזוי פעהיג די מענשליכע נשמה, האָט ער פרעהליך און פון גאַנצען הארצען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אוי דו, מיללער! אוי דו ליבער מיללער מיינער! אוי דו

זוואָילער דייטש! און פון דעסטוועגען — ביזסטו דו, מיללער, גע-רעכט, און איך, ברודער מיללער, בין אַנ׳אייזעל.

געשווינד דורכגעגאַנגען זיך איבער׳ן קאַמער און צו דער נייער גרעסטער פאָרוואונדערונג פונ׳ם סאָלדאַט, וואָס האָט אַכ-טונג געגעבען אין שייבעל — האָט ער זיך געשווינד אויסגעטאָן הויל-נאַקעט און לוסטיג, מיט גרויס התמדה דורכגעמאַכט אַלע אַלצעהן איבונגען: אויסגעצויגען און פאַנאַנדערגעצויגען זיין יונ-גען, עטוואָס אָבגעצעהרטען קערפער, געבויגט זיך, אָנגעשעפּט און אויסגעאָטהעמט די לופט, שטעלענדיג זיך אויף די שפּיץ פינ-גער, געוואָרפען מיט די פיס, מיט די הענד. און נאָך יעדער אי-בונג געערעדט מיט תענוג:

— אָט אַזוי! אָט דאָס איז אַ זאַך, ברודער מיללער! — די באַקען זיינע זענען רויט געוואָרען, פון די פאָרען האָבען גרויס-געשפּאַרט טראָפּענס הייסע, אַנגענעהמען שוויס, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק און גלייך.

— די מעשה דערפון איז די, מיללער—האָט זיך גע׳חקר׳ענט סערגיי, אויסשטעלענדיג די ברוסט אַזוי, אַז די ריפּה-ביינער זע-נען דייטליך קענטיג געוואָרען אונטער דער דינער אָנגעצויגענער הויט — די מעשה דערפון איז די, מיללער, וואָס ס׳איז נאָך דאָ אַ נייגצעהנטע איבונג, וועלכע רופט זיך אונטערהענגען פאַר׳ן האַלז אין אַ אונבעוועגליכער פאָזע. און דאָס רופט זיך טוידט-שטראָף. פערשטעהסט, מיללער? מ׳נעהמט אַ לעבעדיגען מענשען, לאָמיר זאָגען, סערגיי גאָלאָווינ׳ען, וויקעלט איהם ווי אַ קוקלע און הענגט איהם פאַר׳ן האַלז, ביז וואַנען ער שטאַרבט. ס׳איז נאַריש, מיל-לער, נאָר מ׳קען גאָר ניט מאַכען—ניטאָ קיין ברירה.

האָט זיך איבערגעבויגען אויפ׳ן רעכטען זייט און איבער-גע׳הזר׳ט:

— ניטאָ קיין ברירה, ברודער מיללער.

9. די שרעקליכע איינזאַמקייט.

אונטער דעם זעלביגען קלונג פון זייגער, אָבגעטיילט פון סערגיי׳ן און סאָניע׳ן דורך עטליכע לעדיגע קאַמערן, נאָר אַזוי-מורא׳דיג איינזאַם, גלייך ווי אין דער גאַנצער וועלט וואָלט עקזיס-טירט נאָר ער איינער אליין, האָט אין שרעק און אין וועהמוט פאַרענדיגט זיין לעבען דער אונגליקליכער וואַסילי קאַשירין.

בעדעקט מיט שוויס, מיט אַ צוגעקלעבטער צום קערפער נאַן

סער העמד, מיט פאנאנדערגעלאזענע, פריהער געגרייזעלטע האר, האט ער קראמפהאפט און הילפלאז געדרעהט זיך איבער׳ן קאמער, ווי א מענש, וואס ליידט פון א שרעקליכען צעטואציאג. פלעגט זיך צוזעצען, ווידער לויפען, צודריקען זיך מיט׳ן שטערן צום וואנד, אבשטעלען זיך און וואס זוכען מיט די אויגען — אזוי ווי ער וואלט געזוכט א רפואה. ער איז אזוי איינגעענדערט געווארען, אקוראט ווי ער וואלט געהאט צוויי פערשידענע פנים׳ער, און דער פריהערדיגער, דער יונגער, איז ערגעץ־וואו אוועק, און אויף זיין ארט איז געווארען א נייער, א שרעקליכער, וואס איז געקומען פון פינסטערניש.

צו איהם איז דער פחד פאר דעם טוידט געקומען מיט איין מאל און האט איהם בעהערשט פאלקאם און מעכטיג. נאך אין דער פריה, געהענדיג אויף א זיכערען טוידט, האט ער זיך געשפילט מיט איהם, און שוין צו אוונד צו, פערשפארט אין דער איינזאמער קאמער, איז ער געווען פערכאפט און פערפלייצט דורך א שטראם פון ווילדען שרעק. ווי לאנג ער אליין, מיט׳ן אייגענעם ווילען, איז געגאנגען אין געפאהר און אויף טוידט, ווי לאנג ער האט זיין טוידט, וואס האט אפילו אויסגעוויזען שרעקליך, געהאלטען אין די אייגענע הענד, איז איהם געווען גרינג, און פרעהליך אפילו: אין דעם געפיהל פון גרענצלאזער פרייהייט, מוטיגער און פעסטער בעהויפטונג פון דעם אייגענעם דרייסטען און פורכטלאזען ווילען איז שפורלאז פערזונקען דער קליינינקער, צונויפגעקניטשטער, ווי פון אנ׳אלטען מאן, פחד׳יל. אנגעגורט מיט א טייוועל־מאשינע, איז ער אליין ווי פערוואנדעלט געווארען אין א טייוועל־מאשינע, האט אין זיך תופס געווען דעם גרויזאמען פערנונפט פונ׳ם דינאמיט, איבערגענומען זיין פייערדיגע פערוויסטענדע קראפט. און געהענדיג איבער׳ן גאס, צווישען די האווענדע, וואכעדיגע, פערדאגה׳טע פון זייערע עסקים מענשען, וואס אנטלויפען אין איילעניש פון די פארבייפאהרענדע פערד פון טראמוואיען, האט ער אויסגעזעהען אין די אייגענע אויגען ווי א געקומענער פון אן אנדערער אונבעוואוסטער וועלט, וואו מ׳ווייס נישט ניט פון טוידט, ניט פון שרעק.

און פלוצלונג, מיט איין מאל א שניידענדע, ווילדע, בעטויבענדע פערענדערונג. ער געהט שוין ניט, וואוהין ער וויל, נאר איהם פיהרט׳ן — וואוהין מ׳וויל. ער קלייבט שוין ניט אויס קיין ארט, נאר מ׳פערזעצט איהם אין א שטיינערנעם שטייג און פערשפארט אויף א שליסעל, ווי א חפץ. ער האט שוין ניט די פרייע ברירה: לעבען אדער טוידט, ווי אלע אנדערע מענשען, נאר מ׳וועט איהם

אויף געווים און אונפערמיידליך טוידטען. זייענדיג מיט אן׳אויגענבליק פריהער די פערקערפערונג פון ווילען, לעבען און קראפט, ווערט ער איצט אן׳עלענדעס בילד פון מאכטלאזיגקייט, וואס האט צו זיך אין דער גאנצער וועלט קיין גלייכען ניט, ווערט פערוואנדעלט אין א בהמה, וואס ווארט אויף דער שחיטה, אין א טויבען שטומלאזען הפץ, וועלכען מ׳קען איבערשטעלען, פערברענען, ברעכען. וואס ער זאל ניט רעדען, זיינע ווערטער וועט׳ן ניט פערנעהמען, און אויב ער וועט אנהייבען צו שרייען, וועט׳ן פערשטאפען דעם מויל מיט א שמאטע, און צו וועט ער אליין שלעפען די פיס, וועט׳ן איהם דאך אבפיהרען און אויפהענגען; און ווען ער וועט זיך ניט לאזען, ראנגלען, לעגען אויף דר׳ערד — וועט׳ן איהם ביינקומען, אויפהויבען, בינדען און א געבונדענעם אונטערטראגען צו דער תליה. און דאס, וואס די דאזיגע מעכאנישע ארבייט איבער איהם וועלען אויספיהרען מענשען אזעלכע, ווי ער, גיט זיי צו א נייע, אונגעוועהנליכע, גרויזאמע געשטאלט: אדער עפעס ווי פון געשפענסטער, פון עפעס אזוינס, וואס פערשטעלט זיך, וואס איז געקומען נאר מיט א כיון, אדער עפעס פון מעכאנישע קוקלעס אויף ספרוזשינעס: זיי נעהמען, כאפען, פיהרען, הענגען, ציהען פאר די פיס. שניידען אב די שטריק, לעגען, פיהרען, פערגראבען.

און פון ערשטען טאג טורמע אן האבען די מענשען און דאס לעבען זיך פערוואנדעלט פאר איהם אין א אונבעגרייפליך שרעקליכער וועלט פון געשפענסטער און מעכאנישע קוקלעס. כמעט פערלירענדיג דעם דעת פון שרעק, האט ער זיך געמאטערט פארצושטעלען, אז די מענשען האבען א צונג און ריידען, און האט ניט געקענט — זיי האבען זיך אויסגעוויזען ווי שטומע; זיך געסטארעט צו דערמאהנען זייער ריידען, דעם זינן פון די ווערטער, וועלכע זיי געברויכען צווישען זיך — און האט ניט געקענט. די מיילער עפענען זיך, ס׳קלינגט וואס, נאכדעם געהען זיי זיך פאנאנדער, איבערשטעלענדיג די פיס, ס׳איז גאר נישט ניטא.

אזוי וואלט זיך געפיהלט א מענש, ווען ביי נאכט, בעת ער איז איינער אליין אין שטוב, וואלט׳ן אלע הפצים אבגעלעבט, אנגעהויבען צו בעוועגען זיך און בעקומען איבער איהם, דעם מענשען, א אונבעגרענצטע מאכט. פלוצלונג וואלטען אנגעהויבען צו משפט׳ן איהם: דער אלמער, דער שטול, דער שרייב־טיש, דער דיוואן. ער וואלט געשריען און ארומגעלאפען, געבעטען זיך, גערופען נאך הילף, און זיי וואלטען עפעס גערעדט אויף זייער לשון צווישען זיך, נאכדעם אוועקגעפיהרט איהם הענגען; דער אלמער, דער שטול, דער

שרײַב־טיש און דער דיוואַן. און ס'וואָלט'ן עס צוגעקוקט די איבעריגע חפצים.

און אַלין האָט אָנגעהויבען אויסצואוויזען ווי שפּילצײַג אין די אויגען פֿון וואַסילי קאַשירין, וואָס איז פֿער'משפּט געוואָרען צו טוידט־שטראָף דורך הענגען: זײַן קאַמער, די טיר מיט'ן שײַבעל, דער קלונג פֿונ'ם אָנגעדרעהטען זייגער, די פּונקטליך אויפֿגעשטעלטע בעסטונג, און בעזאָנדערס יענע מעכאַנישע קוקלע מיט'ן ביקס, וועלכע קלאַפּט מיט די פֿיס איבער'ן קאָרידאָר, און אָט יענע די איבעריגע, וועלכע קוקען אַרײַן צו איהם, שרעקענדיג, אין פֿענסטער'ל און דערלאַנגען שווײַגענדיג דאָס עסען. און דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, איז ניט געווען פּחד פֿאַר דעם טוידט; גיכער האָט ער אַפֿילו דעם טוידט געוואָלט; אין זײַן גאַנצער אײביגער סודות'דיגקײַט און אומפֿערשטענדליכקײַט איז ער דאָך געווען נעהענטער צום שכל, אײדער אָט די אַזוי ווילד און פֿאַנטאַסטיש אומגעוואַנדעלטע וועלט. נאָך מעהר, דער טוידט איז אַפֿילו ווי אינגאַנצען בטל געוואָרען אין אָט דער מטורף'דיגער וועלט פֿון געשפּענסטער און קוקלעס, האָט פֿערלאָרען זײַן גרויסען און סודותדיגען זינן, איז אויך געוואָרען עטוואָס מעכאַנישעס, און נאָר דערפֿאַר אַלײן שרעקליך. מ'נעהמט, כאַפּט, פֿיהרט, הענגט, ציהט פֿאַר די פֿיס. מ'שנײַדט אָב די שטריק, לעגט, פֿיהרט, פֿערגראָבט.

פֿון דער וועלט איז ניט געוואָרען אַ מענש.

בײַם געריכט האָט די נאָהענטקײַט פֿון די חברים געבראַכט קאַשירינ'ען צו זיך, און ער האָט ווידער, אויף אײן אויגענבליק, דערזעהען מענשען: מ'זיצט און מ'משפּט איהם און מ'רעדט וואָס אויף אַ מענשליכער שפּראַך, זיי הערען און, דוכט זיך, זיי פֿערשטעהן. נאָר שוין בײַם זעהען זיך מיט דער מוטער האָט ער, מיט דעם פּחד פֿון אַ מענשען, וואָס הויבט אָן אַראָבצוגעהן פֿון זינען און פֿערשטעהט עס, דײַטליך דערפֿיהלט, אַז די דאָזיגע אַלטעטשקע אין דער שוואַרצער פֿאַטשײלקע — איז פּראָסט אַ קונציג געמאַכטע מעכאַנישע קוקלע, אַ שטײגער ווי די, וואָס רײדען: „פּאַ—פּאַ", „מאַ—מאַ", נאָר בעסער געמאַכט. האָט זיך געסטאַרעט צו רײדען מיט איהר און אַלײן שוידערליך געטראַכט:

— גאָט מײַנער! דאָס איז דאָך אַ קוקלע. די קוקלע פֿון דער מאַמען, און אָט איז די קוקלע פֿון אַ סאָלדאַט, און דאָרט אין דער היים, די קוקלע פֿונ'ם טאַטען, און אָט דאָס — די קוקלע פֿון וואַסילי קאַשירין.

ס'האָט זיך געדוכט, אָט נאָך אײן ביסעל, און ער וועט דער־

הערען ערגעץ א בריאזג פון א מעלאניזם, א סקריפען פון ניט געשמירטע רעדער. בעת די מוטער האט זיך פאנאנדערגעוויינט, האט אויף איין אויגענבליק ווידער א בליאשק געטאן עטוואס מענשליכעס, נאר ביי די ערשטע ווערטער אידרע איז עס פערשוואונדען, און ס'איז געווארען טשיקאווע און אימה'דיג צו קוקען, וואס פון די אויגען פון א קוקלע רינט וואסער.

נאכדעם, אין זיין קאמער, בעת דער שרעק איז געווארען ניט אויסצוהאלטען, האט וואסילי קאשירין געפרופט תפלה טאן. פון אלץ, מיט וואס ס'איז ארומגערינגעלט געווען אונטער'ן נאמען פון רעליגיע זיינע יונגע יאהרען אין זיין פאטער'ס סוחר'ישען הויז, איז איבערגעבליבען ניט מעהר ווי אנעקעלהאפטער, ביטערער און פערדריסליכער זכר, און קיין אמונה איז ניט געווען. נאר אמאל, אפשר נאך גאר אין די קינדער-יאהרען, האט ער דערהערט עטליכע ווערטער, און זיי האבען אידם איבערראשט מיט א ציטערענדען לייכטען פיבער און נאכדעם אויפ'ן גאנצען לעבען זענען זיי געבליבען בעהויכט מיט א שטילער פאעזיע. די דאזיגע ווערטער זענען געווען:

— טרייסט פון אלע פעראומערטע.

אמאל, אז ס'פלעגט שווער ווערען אויפ'ן הארצען, פלעגט ער שטיל ארויסרידען, אהן געבעט, ניט אפגעבענדיג זיך קיין קלארען חשבון: „טרייסט פון אלע פעראומערטע", און פלוצלונג ווערט גרינגער און ס'ווילט זיך געהן צו א נאהענטען מענשען און אויסגיסען שטיל דאס הארץ:

— אונזער לעבען... אט דאס איז דען א לעבען! עך, טייערינקע מיינע, אט דאס הייסט דען א לעבען.

און נאכדעם פלוצלונג ווערט לעכערליך, און ס'ווילט זיך פערגרייזלען די האהר, עפעס אפטאן א שטיק, אונטערשטעלען די ברוסט אונטער עמיצינס קלעפ: נא, שלאג!

קיין איין מענשען, אפילו די סאמע נאהענטע חברים האט ער ניט גערעדט וועגען זיין „טרייסט פון אלע פעראומערטע", האט אפילו אליין ווי ניט געוואוסט וועגען אידם — אזוי טיף איז עס פערבארגען געווען אין זיין נשמה. און ער פלעגט עס דערמאהנען ניט אפט, מיט פארזיכטיגקייט.

און איצט, אז דער פחד פון דעם אונלעזבארען געהיימניס, וואס איז אזוי בולט ארויסגעטראטען, האט אידם בעדעקט אריבער קאפ, ווי א געוויסער פערפלייצט א קליין סאזשעלקע ביים ברעג טייך — האט זיך אידם פערוואלט גאט בעטען. געוואלט שטעלען זיך אויף

די קניע, נאָר ער האָט זיך פערשעמט פאַר דעם סאָלדאַט, און צו־גיפלעגענדיג די הענד אויפ'ן ברוסט, שטיל אַרויסגערעדט:

— טרייסט פון אַלע פעראומערטע!

און מיט קומער, אויסרייידענדיג צערטליך יעדעס וואָרט, האָט ער איבערגע'חזר'ט:

— טרייסט פון אַלע פעראומערטע, קום צו מיר, בעשיין וואַסקע קאַשירין.

נאָך לאַנג, בעת ער איז געווען אין אוניווערזיטעט אויפ'ן ערשטען קורס און האָט נאָך ליעב געהאַט אָפט אַ דזוליע צו טאָן, פאַר דער בעקאַנטשאַפט מיט ווערנער'ן און פאַר'ן אַריינטרעטען אין דער פאַרטיי, פלעגט ער זיך אָנרופען בערי־המעריש אין הכנעה'דיג „וואַסקע קאַשירין" — איצט האָט זיך עפּעס פערוואָלט אָנצורופען זיך אויך אַזוי. נאָר טוידט און אָהן אַנ'אָבקלאַנג האָבען געקלונגען די ווערטער:

— טרייסט פון אַלע פעראומערטע!

און ס'האָט זיך עפּעס אויפגעוויגט. אַזוי ווי ס'איז פאַרבייגע־שוואומען ערגעץ ווייט עמיצינס שטילע און פערטרויערטע גע־שטאַלט און איז שטיל אויסגעלאָשען געוואָרען, ניט בעשטראַהלענדיג דעם השך פון דער לעצטער שעה. ס'האָט געשלאָגען דער אָנגע־דרעדטער זייגער אויפ'ן טורם. ס'האָט מיט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן, מיט אַ שווערד, אפשר מיט אַ ביקס, דער סאָלדאַט אין קאָרידאָר און דויערנד, מיט הפסקות, אַ געגעץ געטאָן. — טרייסט פון אַלע פעראומערטע! אויך דו שווייגסט! אויך דו ווילסט גאָר נישט זאָגען וואַסקע קאַשירינ'ען?

ער האָט תמימות'דיג געשמייכעלט און געוואַרט. נאָר ס'איז געווען וויסט אין דער נשמה און אַרום. און ס'האָט זיך ניט אומ־געקעדערט די שטילע און פערטרויערטע געשטאַלט. ס'זענען אויפ־געקומען אין זכרון אוננויטיג און פיינליך די וועקסענע אָנגעצונ־דענע ליכט, דער גלח אין דער ריאַסע, די אויסגעמאָהלטע אויפ'ן וואַנד איקאָנעס און ווי דער פאָטער, פאַלענדיג כורעים, טוט תפלה און בוקט זיך און קוקט פון דער זייט, צי וואַסקע זאָגט די תפלה, צי שטיפט ער ניט בעת מעשה. און ס'איז געוואָרען נאָך שרעק־ליכער, איידער פאַר דער תפלה.

אַלץ איז פערשוואונדען.

שווער האָט זיך אָנגערוקט די וואַהנזיניגקייט. דאָס בעוואוסט־זיין האָט אָנגעהויבען אויסצולעשען, ווי אַנ'אויסגעהענדער פאַנאַנ־געוואָרפענער שייטערהויפען, קאַלט צו ווערען, ווי דער גוף פון

אַ נאַר וואָס אויסגעגאַנגענעם מענשען, ביי וועלכען ס'איז נאָך וואַרים אין האַרצען, און די פיס און הענד זענען שוין קאַלט. נאָך אַ מאָל, בלוטיג אויפפלאַמענד, האָט געזאָגט דער אויסלעשענדער געדאַנק, אַז ער, וואַסילי קאַשירין, קען דאָ אַראָב פון מח, אויסשטעהן יסורים, פאַר וועלכע ס'איז ניטאָ קיין נאָמען, דערגעהן ביז צו אַזאַ גרענעץ פון וועהטאָג און עינוים, צו וועלכע ס'איז נאָך ניט דערגאַנגען קיין איין לעבעדיגעס בעשעפעניש; אַז ער קען זיך שלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן וואַנד, אויסשטעכען זיך מיט'ן פינגער די אויגען, ריידען און שרייען אַלץ, וואָס ער וויל, פערזיכערען מיט טרערען, אַז מעהר פערטראָגען קען ער ניט — און גאָר נישט. ס'וועט זיין גאָר נישט.

און דאָס גאָר נישט איז אָנגעקומען. די פיס, ביי וועלכע ס'איז דאָ זייער בעוואוסטזיין און זייער לעבען, זענען ווי פריהער געגאַנגען און געטראָגען דעם שוידערענדען נאַסען קערפער. די הענד, ביי וועלכע ס'איז דאָ זייער בעוואוסטזיין, האָבען אומזיסט געמאַטערט זיך צונויפצונעהמען דעם צופאָהרענעם כאַלאַט און אַנוואַרימען דעם שוידערענדען, נאַסען קערפער. דער קערפער האָט געשוידערט און געפראָרען. די אויגען האָבען געקוקט. און דאָס איז געווען כמעט די אייביגע רוה.

נאָר ס'איז געווען נאָך איין מאָמענט פון ווילדען שרעק. דאָס איז געווען בעת ס'זענען אַריין מענשען. ער האָט אַפילו ניט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס בעדייט — ס'איז צייט צו פאָהרען צו דער תליה, און האָט פראָסט דערזעהען מענשען און דערשראָקען זיך, כמעט ווי אַ קליין קינד.

— כ'וועל ניט! כ'וועל ניט! — האָט ער געשעפטשעט לייז מיט אָבגעשטאָרבענע ליפען און שטיל אָבגערוקט זיך וואָס ווייטער פון טיר, אַקוראַט ווי קינדווייז, בעת דער פאָטער פלעגט אויפהויבען די האַנד.

— מ'דאַרף פאָהרען.

מ'רעדט, מ'געהט אַרום, מ'דערלאַנגט וואָס. האָט פערמאַכט די אויגען, אַ שאָקעל געטאָן זיך — און שווער אָנגעהויבען צוצוקלייבען זיך. אַ פנים, אַז דאָס בעוואוסטזיין האָט אָנגעהויבען אומצוקעהרען זיך: מיט אַ מאָל האָט ער אַ בעט געטאָן ביים בעאַמטען אַ פּאַפּיראָס. און יענער האָט העפליך פאַנאַנדערגעעפענט דעם זילבערנעם מיט אַ דעקאַדענטישער צייכנונג פּאָרטסיגאַר.

10. די ווענד פאלען.

דער אינבעוואוסטער, מיט'ן צונעמעניש ווערנער, איז געווען א מענש, וועלכער איז מיעד געווארען פון לעבען און קאמפף. ס'איז געווען א צייט, ווען ער האט זעהר שטארק געליעבט דאס לעבען, הנאה געהאט פון טעאטר, ליטעראטור, בעקאנטשאפט מיט מענשען; בעשענקט מיט א טייערען זכרון און פעסטען ווילען, האט ער אויסגעלערנט פאלקאם עטליכע אייראפעאישע שפראכען, געקענט ארויסגעבען זיך פאר אנ'עכטען דייטש, פראנצויז אדער ענגלענדער. דייטש האט ער גערעדט געוועהנליך מיט א באיר'שען אקצענט, נאר האט געקענט, אז ער פלעגט וועלען, ריידען ווי אנ'אמת'ער געבארענער בערלינער, האט ליעב געהאט פיין אנצוטאן זיך, געהאט פיינע מאניערען און ער איינער פון דער גאנצער קאמפאניע, ניט ריזיקירענדיג דערקענט צו ווערען, האט געוואגט צו בעווייזען זיך אויף די אריסטאקראטישע בעלער.

נאר שוין לאנג, אונבעמערקט פאר די חברים, איז אין זיין נשמה געוואקסען א פינסטערע פעראכטונג צו מענשען; און פערצווייפלונג איז דארט געווען און א שווערע, כמעט טוידטע, מידקייט. בטבע גיכער א מאטעמאטיקער, איידער א פאעט, האט ער ניט געוויסט ביז איצט פון בעגייסטערונג און התלהבות, און מינוטענווייז פלעגט ער זיך פיהלען ווי א פעררוקטער, וועלכער זוכט די קוואדראטור פון עגול אין טייכען מענשליכעם בלוט. יענער שונא, מיט וועלכען ער האט טעגליך געקעמפפט, האט ניט געקענט ארויסרופען ביי איהם קיין אכטונג צו זיך; דאס איז געווען א געדיכטער נעץ פון דומהייט, פערראט און שקר, שמוציגע בעליידיגונגען, שענדליכע רמאות. דאס לעצטע, וואס האט אויף אייביג, ווי ס'האט אויסגעוויזען, פערניכטעט אין איהם דעם חשק צו לעבען — איז געווען די ערמארדונג פון א פראוואקאטאר, וועלכע ער האט אויסגעפיהרט נאך דעם אויפטראג פון דער ארגאניזאציע. דערהרג'עט רוהיג, נאר אז ער האט דערזעהן דעם דאזיגען טוידטען, פאלשען, נאר איצט רוהיגען און דאך עלענדען מענשליכען פנים — האט ער מיט א מאל אויפגעהערט צו אכטען זיך און זיין זאך. דאס הייסט, ניט ער האט דערפיהלט חרטה, נאר איינפאך מיט א מאל אויפגעהערט צו שעצען זיך, איז געווארען אין די אייגענע אויגען ניט אינטערעסאנט, ניט וויכטיג, לאנגווייליג פרעמד. נאר פון ארגאניזאציע, אלס א מענש מיט א גאנצען, ניט צוברעקעלטען ווילען, איז ער ניט ארויס און אויסערליך איז ער געבליבען דער זעלביגער —

נאָר אין די אויגען האָט זיך געלעגט עטוואָס קאַלטעס, שוידעריגעס. און האָט קיינעם גאָר נישט געזאָגט.

ער האָט פערמאָגט נאָך איין זעלטענע מעלה: ווי ס'איז דאָ מענשען, וועלכע האָבען קיין מאָל ניט געוואוסט פון קאָפּ-וועהטאָג, אַזוי האָט ער ניט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס מורא. און אַז אַנדערע פלעגען מורא האָבען, האָט ער זיי ניט בעשולדיגט, נאָר אויך ניט שטאַרק מיטגעפיהלט. און האָט זיך פערהאַלטען דערצו ווי צו אַ היבש פערשפּרייטער חלאת, אויף וועלכער ער אַליין האָט אָבער קיין מאָל ניט געקריינקט. אויף די חברים זיינע, איבער-הויפּט אויף וואַסיע קאַשירין, האָט ער געלעגט מיטלייד, נאָר דאָס איז געווען אַ קאַלטעס, כמעט אָפיציעלעס מיטלייד, וואָס איז ניט פרעמד געווען, וואַהרשיינליך, אויך איינעגע פון די ריכטער.

ווערנער האָט פערשטאַנען, אַז שטאַרבען אויפ'ן תליה איז ניט גלאַט שטאַרבען, נאָר עפּעס אַנדערש — נאָר יעדענפאַלס האָט ער בעשלאָסען צו בעגעגענען דעם טויט רוהיג, ווי עטוואָס זייטיגעס: לעבען ביז'ן סאַמע סוף אַזוי, ווי קיין זאַך וואָלט אין זיי ניט פאָר-קומען. נאָר דערמיט האָט ער געקענט אויסדריקען זיין העכסטע פעראַכטונג צום טויט און פערהיטען די לעצטע פרייהייט פון גייסט, וועלכע קיינער קען ניט אָבנעהמען. און ביים געריכט — און דאָס וואָלט'ן אפשר ניט געגלויבט אַפילו די חברים, וואָס האָבען גוט געקענט זיין קאַלטע פּונקטלאָזיגקייט און שטייפקייט — האָט ער ניט געטראַכט ניט וועגען טויט און ניט וועגען לעבען: פערטיפט, מיט דער גרעסטער און רוהיגער אויפמערקזאַמקייט, האָט ער פאַנאַנדער-געשפּילט אַ שווערע שאַך-פּאַרטיי. אַן'אויסגעצייכענטער שפּילער אין שאַך, האָט ער פון ערשטען טאָג אַרעסט אָנגעהויבען די דאָזיגע פּאַרטיי און האָט זי כסדר געשפּילט. און דער פסק-דין, וועלכער האָט איהם פערמשפּט צו טויט-שטראָף דורך הענגען, האָט ניט איבערגערוקט ניט איין פיגור אויף דער פאָרגעשטעלטער שאַך-ברעט.

אַפילו דאָס, וואָס ענדיגען די פּאַרטיי וועט איהם, וואַהרשיינ-ליך, ניט אויסגעקומען, האָט איהם ניט אָבגעשטעלט; און דעם פריה-מאָרגען פון'ם לעצטען טאָג, וואָס ס'איז איהם געבליבען אויף דער ערד, האָט ער אָנגעהויבען דערפון, וואָס ער האָט פערריכט אַ נעכטיגען ניט גאָר קיין געראָטענעם גאַנג. צונויפדריקענדיג די אַראָב-געלאָזענע הענד צווישען די קניע, איז ער לאַנג געזעסען, ניט ריהרענדיג מיט קיין גליעד; נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען אַרומצוגעהן, טראַכטענדיג. אַ גאַנג האָט ער געהאַט אַ

זאגדערבארען: אביסעל געבויגט פאראויס דעם אויבערשטען טייל קערפער און שטארק געקלאפט די ערד מיט די אבסאצען — אפילו אויף טרוקענער ערד פלעגען זיינע טריט איבערלאזען א טיפען און קענטיגען צייכען. שטיל, בלויז מיט'ן אטהעם, האט ער אויסגעפייפט אנ'איינפאכע איטעליענישע קליינע אריע — דאס האט געהאלפען קלערען.

נאר די שפיעל איז דעם מאל עפעס געגאנגען ניט גוט. מיט א אונאנגענעהמען געפיהל, אז ער האט אבגעטאן עפעס א גרויסען, אפילו א גראבען פעהלער, האט ער עטליכע מאל זיך אומגעקעהרט צוריק און קאנטראלירט די שפיעל פון אנהויב. דער פעהלער האט זיך ניט געפונען, נאר דאס געפיהל פון א געמאכטען פעהלער איז ניט נאר ניט פארביי, נאר געווארען אלץ שטארקער און פערדראסיגער. אין פלוצלונג איז אויפגעקומען א אונגעריכטער און בעליידיגענדער געדאנק: צו איז ניט דערין דער פעהלער, וואס מיט'ן שפיעלען אין שאך וויל ער אבציהען זיין אויפמערקזאמקייט פון טודט־שטראף און פערשטעלען זיך פון יענעם פחד פאר דעם טוידט, וועלכער איז כלומרשט אונפערמיידליך פאר א פער'משפט'ן?

— ניין, צו וואס! — האט ער געענטפערט קאלט און רוהיג פערמאכט די פארגעשטעלטע שאך־ברעט. און מיט דער זעלביגער טיפער אויפמערקזאמקייט, מיט וועלכער ער האט געשפיעלט, אזוי ווי ענטפערענדיג אויף א שטרענגען עקזאמען, האט ער זיך געסטארעט אבצוגעבען א חשבון אין דעם שרעק און אין דער רעטונגסלאזער לאגע זיינער: ארומקוקענדיג די קאמער, סטארענדיג זיך ניט דורכצולאזען קיין איין ברעקעל, האט ער איבערגעצעהלט די שעה'ן, ווי פיעל ס'איז געבליבען ביז'ן טוידט, אויסגעמאהלט זיך אונגעפעהר א גאנץ ריכטיגען בילד פון דעם עצם טוידט־שטראף און א דריק געטאן מיט די אקסלען:

— נו? — האט ער געענטפערט עמיצען אזוי ווי מיט א פראגע — אט איז אלץ. וואוזשע איז דער שרעק?

קיין שרעק איז באמת ניט געווען. און ס'איז ניט נאר ניט געווען קיין שרעק, נאר ס'האט אנגעוואקסען עטוואס אזוינס, וואס איז ווי דער היפוך פון איהם — א געפיהל פון א טריבער, נאר א אונגעהויערער און מוטיגער פרייד. און דער פעהלער, וואס האט זיך נאך אלץ ניט געפונען, האט שוין ניט ארויסגערופען ניט קיין פערדראס, ניט קיין ערגערניש, און האט אויך גערעדט הויך וועגען עפעס גוטעס און אונגעריכטעס, אזוי ווי ער וואלט גערעכנט

פֿאַר געשטאָרבען אַ נאָהענטען טײַערען פֿרײַנד, און דער דאָזיגער פֿרײַנד, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז לעבעדיג, גאַנץ און — לאַכט.

ווערנער האָט ווידער אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען און אַ פּרוּף געטאָן זײַן פּולס: דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרקער, נאָר פֿעסט און גלײַך, מיט אַ בעזונדער הײַליגער קראַפֿט. נאָך אַ מאָל אויפֿמערקזאַם, ווי אַ נײַער מענש, וואָס איז דעם ערשטען מאָל אַרײַנגעפֿאַלען אין טורמע, האָט ער אַרומגעקוקט די ווענד, ריגלען, דעם צוגעשרויפֿטען צו דער פּאָדלאָגע שטול און אַ טראַכט געטאָן:

— פֿאַר וואָס איז מיר אַזוי גרינג, פֿרײַדיג און פֿרײַ? טאַקי פֿרײַ. כ'טו אַ טראַכט וועגען מאָרגענדיגען טויט-שטראָף — און אַזוי ווי ער וואָלט ניט געווען. כ'גיב אַ קוק אויף די ווענד — אַזוי ווי ס'איז ניטאָ די ווענד אויך. און אַזוי פֿרײַ, אַקוראַט ווי איך בין ניט אין טורמע, נאָר אָקאָרשט אַרויסגעגאַנגען פֿון עפּעס אַ טורמע, אין וועלכער כ'בין געזעסען דאָס גאַנצע לעבען. וואָס איז דאָס?

— ס'האָבען אָנגעהויבען צו טרײַסלען די הענד — פֿאַר ווערנער'ן נאָך ניט קיין געזעהענע ערשײַנונג. אַלץ העפֿטיגער האָט זיך געשלאָגען דער געדאַנק. אַזוי ווי פֿײַערדיגע צונגען וואָלט'ן אויפֿגעפֿלאַמט אין קאָפּ — אין דרויסען האָט געוואָלט זיך דורכשלאָגען דער פֿײַער און בעלויכטען ברייט דעם נאָך נאַכטיגען, דעם נאָך פֿינסטערען האָריזאָנט. און ער האָט זיך דורכגעשלאָגען אין דרויסען און ס'האָט גענומען שײַנען דער ברייט בעשטראַהלטער האָריזאָנט.

ס'איז פֿערשוואונדען די טריבע מידיגקײַט, וועלכע האָט געפּײַניגט ווערנער'ן די צוויי לעצטע יאָהר, און ס'איז אָבגעפֿאַלען פֿון האַרצען די טויטע, קאַלטע שווערע שלאַנג מיט די פֿערמאַכטע אויגען און מיט דעם פֿערשטשעמעטען, ווי בײַ אַ טויטען, מויל — פֿאַר'ן געזיכט פֿון טויט האָט גענומען אומקערען זיך, שפּילענדיג, די שענע יוגענד. און דאָס איז געווען מעהר, ווי די שענע יוגענד. מיט יענער וואונדערבאַרער ערלויכטונג פֿונ'ם גײַסט, וועלכע בעזוכט אין זעלטענע מינוטען דעם מענשען און הויבט איהם אויף אויף דער העכסטער מדריגה פֿון גײַסטיגען זעהען, האָט ווערנער פּלוצלונג ערבליקט אי דאָס לעבען אי דעם טויט, און איז נשתומם געוואָרען פֿון דער הערליכקײַט פֿון דעם פּרעכטיגען בילד. אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער אַ שמאָלען, ווי דער קלינגעל פֿון אַ מעסער, העכסטען משופּע'דיגען באַרג, און אויף איין

זייט געזעהען דאס לעבען, און אויף דער אנדערער געזעהען דעם טוידט, ווי צוויי פינקלענדע, טיפע פרעכטיגע ימים, וואס גיסען זיך צונויף אויפ'ן האריזאנט אין איין גרענצלאזען ברייטען שטח.

— וואס איז דאס! וואס פאר א געטליכעס בילד! — האט ער לאנגזאם געזאגט, ניט ווילענדיג אויפהויבענדיג און אויסגלייכענדיג זיך, ווי ס'וואלט געשטאנען פאר איהם א העכערעס וועזען. און צושטערענדיג די ווענד, דעם רוים און די צייט מיט דער האסט פון א דורכדרינגענדען בליק, האט ער ברייט א קוק געטאן ערגעץ וואו אין דער טיפעניש פון דעם פאר איהם פערגעהענדען לעבען.

און אין א נייעם געשטאלט האט זיך בעוויזען דאס לעבען. ער האט ניט געפרופט, ווי פריהער, צו פיקסירען מיט ווערטער דאס געזעהענע, און ס'איז אויך ניט געווען אזעלכע ווערטער אין דער נאך אלין בלאסער, נאך אלין ארימער מענשליכער שפראך. יענעס קליינליכעס, שמוציגעס און בייזעס, וואס האט געוועקט אין איהם פעראכטונג צו מענשען און צייטענווייז ארויסגערופען אפילו עקעל צום מענשליכען געזיכט, איז פערשוואונדען פאלקאם: אזוי ווי פאר א מענשען, וואס האט זיך אויפגעהויבען אויף א לופטבאלאן, ווערט פערשוואונדען דער מיסט און שמוץ פון די ענגע גאסען פון דער פערלאזענער שטאדט, און צו שענהייט ווערט דאס העסליכע.

מיט א בעוואוסטלאזער בעוועגונג האט ווערנער א שפריי געטאן צום טיש און אנגעלעהנט זיך אויף איהם מיט דער רעכטער האנד. א שטאלצער און ביי-זיך-תקיפ'ער פון דער נאטור, האט ער נאך קיין מאל ניט אנגענומען אזא שטאלצע, פרייע און תקיפ'ע פאזע, האט ניט געדרעהט די האלז אזוי, ניט געקוקט אזוי — ווייל ער איז נאך קיין מאל ניט געווען אזוי פריי און שטאלץ, ווי דא, אין טורמע, א פאר שעה פאר דער תליה און טוידט.

און אין א נייער געשטאלט האבען זיך בעוויזען די מענשען, ליעב און רייצענד האבען זיי איצט אויסגעוויזען זיין געלויכטערטען בליק. שוועבענדיג איבער דער צייט, האט ער דערזעהען דייטליך, ווי יונג ס'איז די מענשהייט, וועלכע האט נאך נעכטען געברומט ווי א חיה אין וואלד; און דאס, וואס ס'האט פריהער אויסגעוויזען שרעקליך אין די מענשען, אונפערצייהליך און עקעלהאפט, איז מיט א מאל געווארען ליעב — ווי ס'איז ליעב א קינד אין זיין ניט קענען געהען ווי א גרויסער, זיין זינלאזער קינדערשער לשון, אין וועלכען ס'בליצען אויף פונקען פון גאונות, זיינע לעכערליכע טעות'ן, פעהלער'ן און ביטערע ביילען.

— טייערע מיינע! — האט פלוצלונג א שמייכעל געטאן ווער-

נער און האָט מיט אַמאָל פערלאָרען די גאַנצע תּקיפות פון זיין פּאָזע, איז ווידער געוואָרען אַנ׳אַרעסטאַנט, וועלכען ס׳איז אי ענג, אי איינבעקוועם פערשפּאַרטערהייט, און אַבּסאָלוט לאַנגוויילינג פון דעם דערעסענעם נייגעריגען אויג, וואָס האָט געטאָרטשעט ביים טיר. און וואונדערבאַר: כּמעט פּלוצלונג האָט ער פערגעסען דאָס, וואָס ער האָט ניט לאַנג געזעהען אַזוי בולט און קלאָר; און נאָך וואונדערבאַרער — ער האָט אפילו דערמאָהנען זיך ניט געפּרובט. איינפאַך געזעצט זיך בעקוועמער, אָהן דער געוועהנליכער האַרטקייט אין זיין פּאָזע, און מיט אַ פרעמדען, ניט ווערנער׳שען, שוואַכען און צאַרטען שמייכעל האָט ער אַרומגעקוקט די ווענד און די גראַטעס. ס׳איז פאָרגעקומען נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך מיט ווערנער׳ן קיין מאָל ניט געשעהען: ער האָט פּלוצלונג זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— ליעבע חברים מיינע! — האָט ער געשעפּטשעט און געוויינט ביטערליך. — ליעבע חברים מיינע!

מיט וועלכע פערבאָרגענע וועגען איז ער געקומען פון דעם געפיהל פון שטאָלצער און גרענצלאָזער פרייהייט צום דאָזיגען צערטליכען און ליידענשאַפטליכען רחמנות? ער האָט ניט געוואוסט און ניט געטראַכט וועגען דעם. און צו איז דאָס באמת טאַקי געווען רחמנות אויף זיי, זיינע ליעבע חברים, אָדער עטוואָס אַנדערעס, עטוואָס העכערעס און ליידענשאַפטליכערעס איז פערבאָרגען געווען אין זיינע טרערען — דאָס האָט אויך ניט געוואוסט זיין פּלוצלונג אויפגעלעבטעס און פאַנאַנדערגעבליהטעס האַרץ. ער האָט געוויינט און געשעפּטשעט:

— ליעבע חברים מיינע! איהר ליעבע חברים מיינע!

אין דעם דאָזיגען ביטערליך וויינענדען און דורך טרערען שמייכלענדען מענשען וואָלט קיינער ניט דערקענט דעם קאַלטען, שטאָלצען, מידיגען און זזות׳דיגען ווערנער — ניט די ריכטער, ניט די חברים, ניט ער אַליין.

11. מ׳פיהרט זיי.

איידער מ׳האָט געדאַרפט פאַנאַנדערזעצען די פער׳משפט׳ע אין די קאַרעטעס, האָט מ׳ זיי אַלעמען פינף צונויפגעקליבען אין אַ גרויסען קאַלטען צימער מיט אַ געוועלבטען באַלקען, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ פערלאָזענע קאַנצעלאַריע אָדער ווי אַ פּוסטער פאָדערצימער. און מ׳האָט ערלויבט צו ריידען צווישען זיך.

אָבער איין טאַניע קאָוואַלטשוק האָט זיך גלייך בענוצט מיט

דער ערלויבניש, די איבעריגע האבען שווייגענדיג און שטארק געדריקט די הענד, קאלטע, ווי אייז, און הייסע, ווי פייער, — און שווייגענדיג, סטארענדיג זיך ניט צו קוקען איינער דעם אנדערען, האבען זיי זיך צוזאמענגענומען אין א אבהענדיגער, צערשטרייטער קופקעלע. איצט, אז זיי זענען געווען צוזאמען, האבען זיי ווי געשעמט זיך פאר דעם, וואס יעדערער פון זיי האט איבערגעלעבט אין דער איינזאמקייט; און קוקען האבען זיי מורא געהאט, כדי ניט צו דערזעהען זיך, ניט צו ווייזען דאס נייע, דאס זאנדערבארע, א ביסעל שעמעדיגעס, וואס יעדער האט געפיהלט אדער חושד געווען אין זיך.

נאך א קוק געטאן איין מאל, א צווייטען, א שמייכעל געטאן, און זיי האבען מיט אמאל זיך דערפיהלט פריי און איינפאך, ווי פריהער; קיין שום פערענדערונג איז ניט פארגעקומען, און אויב ס'איז יע וואס פארגעקומען, האט עס אזוי גלייך זיך געלעגט אויף אלעמען, אז פאר יעדערן בעזונדער איז דאס געווארען ניט קענטיג. אלע האבען גערעדט און בעוועגט זיך מאדנע: עפעס פלוצלינגדיג, שטויסענווייז, אדער צו לאנגזאם, אדער צו געשווינד; אמאל פלעגען זיי זיך פערכלינען מיט ווערטער און א סך מאל איבער'חזר'ן זיי, אמאל ניט דערריידען די אנגעהויבענע פראזע אדער מיינען, אז ס'איז שוין אבגעזאגט — מ'האט עס ניט בעמערקט. אלע האבען געבלינצעלט מיט די אויגען און מיט נייגיריגקייט, ניט דערקענענדיג, ארומגעקוקט די סאמע געוועהנליכע זאכען, ווי מענשען, וואס האבען געטראגען ברילען און פלוצלונג אראבגענומען זיי; און אלע פלעגען אפט און געשווינד אומקוקען זיך אויף הינטען, אקוראט ווי עמיץ וואלט געשטאנען הינטער די פלייצעס, רופען זיי און עפעס ווייזען — און אויך דאס האבען זיי ניט בעמערקט. — ביי מוסיע'ן און טאניע קאוואלטשוק'ן האבען געפלאמט די באקען און די אויער'ן; סערגיי איז אנפאנגס געווען א ביסעל בלייך, נאר נאכדעם איז ער געקומען צו זיך און געווארען אזא, ווי שטענדיג.

און נאר אויף וואסיליע'ן זענען אלע אויפמערקזאם געווארען. אפילו צווישען זיי איז ער געווען אונגעוועהנליך און שרעקליך. ווערנער האט זיך א טרייסעל געטאן אי שטיל געזאגט מוסיע'ן מיט א צערטליכער אונרוהיגקייט:

— וואס איז דאס, מוסינקע? ניט שיים-זשע איז ער... הא? וואס? מ'דארף צו איהם.

וואַסילי האָט פֿון ערגעץ ווייט, ווי ניט דערקענענדיג, אַ קוק געטאָן אויף ווערנער'ן און אַראָבגעלאָזען די אויגען.

— וואַסיע, וואָס איז דאָ ביי דיר מיט די האָהר, האַ? וואָס איז מיט דיר? נישקשה, ברודער, נישקשה, ס'וועט באַלד נעהמען אַ סוף. מ'דאַרף זיך האַלטען, מ'דאַרף, מ'דאַרף.

וואַסילי האָט געשוויגען. און אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבען צו דוכטען, אַז ער וועט גאָר אינגאַנצען ניט ענטפֿערן, איז געקומען אַ דומפּפּער, פֿערשפּעטיגטער, שרעקליך-ווייטער ענטפֿער: אַזוי וואָלט אויף אַ סך געבעטען געקענט ענטפֿערען אַ קבֿר.

— מיר איז נישקשה. איך האַלט זיך.

און האָט איבערגעזאָגט נאָך אַ מאָל:

— איך האַלט זיך.

ווערנער האָט זיך דערפֿרעהט.

— אָט דאָס איז גוט. אַ לייט. ט'אַזוי, ט'אַזוי.

נאָר האָט בעגעגענט אַ פֿינסטערען, שווערען, פֿון דער טיפֿסטער ווייטעניש געשפּאַנטען בליק און האָט אַ קלער געטאָן מיט אַנ'אויגענבליקליכען קומער: פֿון וואַנען קוקט ער? פֿון וואַנען רעדט ער? און מיט אַ טיפֿער צערטליכקייט, ווי מ'רעדט נאָר צום קבֿר, האָט ער געזאָגט:

— וואַסיע, דו הערסט? איך האָב דיך זעהר ליעב.

— און איך האָב דיך אויך ליעב — האָט געענטפֿערט, שווער קעהרענדיג זיך, דער צונג. פּלוצלונג האָט מוסיע גענומען ווערנער'ן פֿאַר'ן האַנד און, אויסדריקענדיג פֿערוואונדערונג, אָנגעשטרענגט, ווי אַנ'אַקטריסע אויפֿ'ן סצענע, געזאָגט:

— ווערנער, וואָס איז מיט דיר? דו האָסט געזאָגט: איך ליעב? דו האָסט קיין מאָל קיינעם ניט געזאָגט: איך ליעב. און פֿאַר וואָס ביזסטו אינגאַנצען אַזאַ... ליכטיגער און צערטליכער? האַ, וואָס?

— האַ, וואָס?

און ווי אַנ'אַקטיאָר, אויך אָנגעשטרענגט אויסדריקענדיג דאָס, וואָס ער האָט געפֿיהלט, האָט ווערנער שטאַרק געדריקט מוסיע'ס האַנד:

— יע, איצט ליעב איך זעהר. זאָג קיינעם ניט, מ'דאַרף ניט, ניט כדאי איבערצורייד ען, נאָר איך האָב זעהר ליעב.

ס'האָבען זיך בעגעגענט זייערע בליקען, און האָבען אויפֿגעפֿלאַמט העל, און אַלץ איז אויסגעלאָשען געוואָרען אַרום: אַזוי ווי אין דעם אויגענבליקליכען בליאַשק פֿון בליץ ווערען אויסגעלאָ-

שען אלע איבעריגע פייער'ן, און ס'ווארפט אויף דר'ערד א שאטען דער סאמע געלבער, שווערער פלאם.

— יע —, האט געזאגט מוסיע. — יע, ווערנער.

— יע —, האט ער געענטפערט. — יע, מוסיע, יע!

זיי האבען וואס פערשטאנען און בעשטעטיגט שטייף, אויף זיכער. און, לויכטענדיג מיט די בליקען, האט ווערנער זיך אטרייסעל געטאן און איז געשווינד צוגעגאנגען צו סערגיי'ען.

— סעריאָזשע!

נאר געענטפערט האט טאניע קאָוואַלטשוק. מיט ענטציקונג, כמעט וויינענדיג פון מוטערליכען שטאָלץ, האט זי מיט א מאָדנעם האסט געצופט סערגיי'ען פאר'ן ארבעל.

— ווערנער, דו הער נאר! איך ווין דא וועגען איהם, פערגעה פון צער, און ער — פערנעהמט זיך מיט גימנאסטיק.

— נאך מיללער'ס מעטהאָדע? — האט א שמייכעל געטאָן ווערנער.

סערגיי האט זיך פערשעמט אנגעבלאָזען:

— אומזיסט לאכסטו, ווערנער. איך האב אבסאָליוט זיך איבערצייגט...

אלע האבען זיך פאנאנדערגעלאכט. שעפענדיג שטייפקייט און קראפט אין דער געמיינזאמער נאָהענטקייט, זענען זיי געווארען אזעלכע, ווי פריהער, נאר האבען דאס אויך ניט בעמערקט, געמיינט, אז זיי זענען אלץ די זעלביגע. פלוצלונג האט ווערנער איבערגעריסען דעם געלעכטער און מיט דער גרעסטער ערנסטקייט געזאגט סערגיי'ען:

— דו ביזסט גערעכט, סעריאָזשע. דו ביזסט פאָלקאָם גערעכט.

— ניין, דו פערשטעה נאר —, האט זיך דערפרעהט גאָלאָווין.

— געוויס, מיר...

נאר דא האט'ן פארגעלעגט צו פאָהרען. און מ'איז געוועזען אזוי ליבענסווירדיג, אז מ'האט ערלויבט פאנאנדערצוזעצען זיך פארוויז, ווי מ'וויל. און בכלל איז מען געוועזען זעהר, אפילו צופיעל, העפליך: אָדער עפעס ווי מ'וואָלט זיך געסטארעט ארויסצואווייזען א מענשליכע בעצידינג, אָדער עפעס געוואָלט בעווייזען, אז זיי זענען דא גאר ניטאָ, און אלץ ווערט געטאָן פון זיך אליין. נאר זענען געוועזען בלאס.

— דו, מוסיע, וועסט מיט איהם —, האט בעוויזען ווערנער אויף וואסיליע'ן, וועלכער איז געשטאנען און ניט גערוהרט מיט קיין גליעד.

— כ'פֿאַרשטעה, — האָט מוסיע אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— און דו?

— איך? טאַניע מיט סערגיי'ען, דו מיט וואַסיע'ן... איך אַליין. דאָס מאַכט נישט, איך קען דאָך, דו ווייסט.

אַז מ'איז אַרויס אין הויף, האָט די פֿײַכטע פֿינסטערניש ווייך, נאָר וואַרים און שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן אין געזיכט, אין די אויגען, פֿאַרכאַפּט דעם אָטהעם, האָט פּלוצלונג רייניגענד און צאַרט דורכגעדרונגען דעם גאַנצען שוידערענדען קערפּער. ס'איז שווער געווען צו גלויבען, אַז אָט דאָס וואונדערבאַרע — איז איינפֿאַך פֿריהלינגס־ווינד, אַ וואַרימער, פֿײַכטער ווינד. און די דאָזיגע, וואונדערבאַרע עכטע פֿריהלינגס־נאַכט האָט געטראָגען מיט ריחות פֿון צוגעהענדען שנע — פֿון אַ גרענצלאָזער ברייטעניש, געקלונגען מיט טראָפּענס. פֿערהאַוועט און אָפֿט, אָניאָגענדיג איינער דעם צווייטען, זענען געפֿאַלען האַסטיגע טראָפּענס און אַלע צוזאַמען האָבען אויסגעקלאַפּט אַ הילכיגעם ליעד: נאָר פּלוצלונג איז איינער זיך טועה, און אַלץ פֿערפּלאָנטערט זיך אין דעם לוסטיגען פּליעסק, אין דער האַסטיגער דריידעל. און אָט גיט אַ קלאַפּ מיט ברייטקייט אַ גרעסערער סאָלידער טראָפּען, און ס'צוגיסט זיך פֿון דאָס ניי דײַטליך און הילכיג אַנאַיילינגעם פֿריהלינגס־ליעד. און איבער'ן שטאָדט, אַריבער די דעכער פֿון פֿעסטונג איז געשטאַנען אַ בלאַסע רויטקייט פֿון די עלעקטרישע לאַטערנעס.

— או—אַך! — האָט ברייט אָבגעאָטהעמט סערגיי גאָלאָווין און האָט פֿערהאַלטען דעם אָטהעם, אַזוי ווי ער וואָלט געשאַנעוועט אַרויסצולאָזען פֿון די לונגען אַזאַ פֿרישע שענע לופֿט.

— שוין לאַנג אַזאַ וועטער? — האָט זיך פֿעראינטערעסירט ווערנער — אמת'ער פֿריהלינג.

— ערשט דער צווייטער טאָג — האָט'ן געענטפֿערט איילינג און העפֿליך. — און פֿריהער איז דאָס רוב געווען פֿראָסט.

איינער נאָך דער צווייטער זענען ווייך צוגעפֿאָהרען די פֿינסטערע קאַרעטען, האָבען פֿערנומען צו פֿאָר, זענען אַוועק אין דער פֿינסטערניש, אַהין, וואו ס'האָט זיך געוויגט אונטער'ן טויער אַ לאַטערנע. ווי גרויסע שאָטענס האָבען יעדען עקיפּאַזש אַרומגערינגעלט די קאָנוואָינע, און די פּאָדקאָוועס פֿון זייערע פֿערד האָבען הילכיג געקלאַפּט אָדער געפּאַטשט איבער'ן נאַסען שנע.

אַז ווערנער, אײַנבויגענדיג זיך, האָט געוואָלט אַרײַנקריכען אין קאַרעט, האָט אַ זשאַנדאַרם געזאָגט מיט אַ אומבעשטימטען טאָן:

— דאָ פֿאָהרט מיט איך נאָך איינער.

ווערנער האָט זיך פֿערוואונדערט:

— וואוהין? וואוהין פֿאָהרט ער דען? אַהאַ, יע! נאָך איי־נער? ווער־זשע איז דאָס?

דער סאָלדאַט האָט געשוויגען. און ווירקליך, אין ווינקעל קאַרעט אין דער פֿינסטער, האָט זיך צוגעטוליעט עפּעס אַ נידעריגעס, אונבעוועגליכעס, נאָר לעבעדיגעס — ביים קרומען שטראַהל פֿון לאַטערנע האָט אַ בליץ געטאָן אַן אָפֿענער אויג. אַריינזעצענדיג זיך, האָט ווערנער אַ שטויס געטאָן מיט'ן פֿוס יענעמס קניע.

— האָט קיין פֿעראיבעל ניט, חבר.

יענער האָט ניט געענטפֿערט. און נאָר, בעת ס'האָט אַ פֿאָהר געטאָן דער קאַרעט, האָט ער פּלוצלונג מיט אַ געמאַטערטער רוסישער שפּראַך, שטאַמלענדיג, געפֿרעגט:

— ווער זייט איהר?

— איך בין ווערנער, פֿער'משפּט צום הענגען פֿאַר אַן'אַטענטאַט אויף .N. .N. און איהר?

— איך בין — יאַנסאָן. מ'דאַרף מיך ניט הענגען.

זיי זענען געפֿאָהרען, כּדי אין צוויי שעה אַרום צו שטעלען זיך פֿאַר דעם ניטענטפּלעקטען גרויסען געהיימניס, פֿון לעבען אוועקגעהן צום טוידט — און האָבען פֿערפֿיהרט אַ בעקאַנטשאַפֿט. אין צוויי פֿלעכען זענען גלייכצייטיג געגאַנגען דאָס לעבען און דער טוידט, און ביז'ן סוף, ביז די קלענסטע און לעכערליכסטע פּרטים, איז דאָס לעבען טריי געבליבען דעם לעבען.

— און וואָס האָט איהר געטאָן, יאַנסאָן?

— איך האָב דעם בעל־הבית געשניטען מיט אַ מעסער. געלד גע'גנב'עט.

נאָכ'ן קול נאָך האָט זיך געדוכט, אַז יאַנסאָן ווערט אַנטשלאָפֿען. אין דער פֿינסטער האָט ווערנער געפֿונען זיין שלעפֿעריגע האַנד און אַ דריק געטאָן. יאַנסאָן האָט אויך אַזוי שלעפֿעריג אָבגענומען די האַנד.

— האָסט מורא? — האָט געפֿרעגט ווערנער.

— איך וויל ניט.

זיי זענען אַנשוויגען געוואָרען. ווערנער האָט ווידער געפֿונען די האַנד פֿונ'ם עסטאָנער און האָט זי שטאַרק צונויפֿגעדריקט צווישען זיינע טרוקענע און הייסע הענד. געלעגען איז זי אונבעוועגליך, ווי אַ ברעטעל, נאָר אָבנעהמען זי האָט יאַנסאָן מעהר ניט געפּרופֿט.

אין קאַרעט איז געווען ענג און דושנע, ס'האָט געשמעקט

מיט סאָלדאַטסקען געוואַנד, מיט אַ שווערען געריך, מיט מיסט און פּעל פֿון די נאַסע שטיוועל. אַ יונגינקער זשאַנדאַרם, וואָס איז געזעסען אַנטקעגען ווערנערן, האָט געאָטהעמט אויף איהם מיט אַ געמישטען ריח פֿון ציבעל און פּראָסטען טאַבאַק. נאָר אין די שפּאַלטען האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ שאַרפֿע און פֿרישע לופֿט, און צוליעב דעם האָט זיך אין דעם קליינינקען, דושנעם, בעוועגליכען קעסטעל דער פֿריהלינג געפֿיהלט נאָך שטאַרקער, איידער אין דרויסען. דער קאַרעט האָט זיך געקירעוועט אויף רעכטס, אויף לינקס, דאָס פֿלעגט ער ווי אומקעהרען זיך צוריק, אַמאָל פֿלעגט זיך אויסדוכטען, אַז שוין גאַנצע שעה'ן דרעהען זיי זיך עפּעס אויף איין אָרט. אין אָנהויב האָט דורך די אַראָבגעלאָזענע געדיכטע פֿאָרהאַנגעס זיך דורכגעשלאָגען אין די פֿענסטער אַ בלווליכער עלעקטרישער שיין; נאָכדעם איז פֿלוצלינג, ווי דער קאַרעט האָט זיך ערגעץ פֿערקירעוועט, פֿינסטער געוואָרען, און נאָך דעם האָט'ן געקענט טרעפֿען, אַז זיי זענען אַריינגעפֿאָהרען אין די פּוסטע הינטערשטאָדטיגע גאַסען און דערנעהנטערן זיך צום ס—קער וואָקזאַל. אַמאָל, ביי אַ שטאַרקען קעהר, פֿלעגט ווערנער'ס צונויפֿגעבויגטע קניע זיך פֿריינדליך אָבקלאַפּען אָן אויך אַזאַ לעבעדיגע צונויפֿגעבויגענע קניע פֿון דעם זשאַנדאַרם, און ס'איז שווער געווען צוגלויבען אין דעם טויט-שטראָף.

— וואוהין פֿאָהרען מיר? — האָט פּלוצלונג געפֿרעגט יאַנסאָן. ביי איהם האָט לייכט געשווינדעלט דער קאָפּ פֿון דעם לאַנגען דרעהען זיך אין דער פֿינסטערער קעסטעל, און ס'האָט אַביסעל גענודשעט.

ווערנער האָט געענטפֿערט און שטאַרקער צונויפֿגעדריקט דעם עסטאָנער'ס האַנד. ס'האָט זיך געוואָלט זאָגען עטוואָס בעזאָנדערס פֿריינדליכעס, צערטליכעס דעם דאָזיגען קליינטשינקען שלעפֿעריגען מענשען, און ער האָט איהם שוין ליעב געהאַט אַזוי, ווי קיינעם ניט אין לעבען.

— טייערינקער! דיר איז, דוכט זיך, ניט גוט צו זיצען. גיב זיך אַ רוק אַהער, צו מיר.

יאַנסאָן האָט אַ ווײַלע געשוויגען און געענטפֿערט:

— נו, אַ דאַנק, מיר איז גוט. און דיך וועט'ן אויך הענגען?

— אויך! — האָט מיט אַ אומגעריכטער פֿרעהליכקייט, כמעט מיט אַ געלעכטער געענטפֿערט ווערנער און עפּעס בעזאָנדערס לעבעדיג און לייכט אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד. אַזוי ווי ס'וואָלט זיך גערעדט וועגען עפּעס אַ אומגעלומפּערטען און נאַרישען שפּיצעל.

וואָס ס'ווילען איהם אָבטאָן די ליעבע, נאָר מאָדנע לעכֿערליכֿע, מענשען.

— אַ ווײַב איז דאָ?

— ניטאָ. וואָס פֿאַר אַ ווײַב! איך בין איינער אַליין.

— איך בין איך איינער אַליין. איינע —, האָט זיך פֿערריכֿט יאַנסאָן, אַ קלערטאָנדיג.

אויך בײַ ווערנער'ן האָט אָנגעהויבען צו דרעהען דער קאָפּ, און ס'האָט זיך געדוכֿט מינוטענווייז, אַז זיי פֿאָהרען אויף עפּעס אַ יום־טוב; אַ חידוש, נאָר כמעט אַלע, וואָס זענען געפֿאָהרען שטאַרבען, האָבען אויך געפֿיהלט דאָס זעלבע און, איבערלעבענדיג וועהמוט און שרעק, האָבען זיי גלײַכֿצײַטיג זיך געפֿרעהט מיט אַ אונבעשטימטען געפֿיהל איבער דאָס אונגעוועהנליכֿע, וואָס וועט באַלד פֿאָרקומען. ס'האָט זיך בעטרונקען די ווירקליכֿקײַט מיט אונזין, און געשפּענסטער האָט געבאָרען דער טוידט, וואָס האָט זיך פֿער'קנסט מיט'ן לעבען. זעהר מעגליך, אַז אויף די הײַזער האָבען געפֿלאַטערט פֿאָהנעס.

— אָט זענען מיר געקומען! — האָט געזאָגט ווערנער נײַגיריג און פֿרעהליך, אַז דער קאַרעט האָט זיך אָבגעשטעלט, און איז אַרויסגעשפּרונגען לײַכֿט. נאָר מיט יאַנסאָנ'ען האָט די זאַך זיך פֿערצויגען: שטום און עפּעס זעהר שלעפֿעריג האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט און ניט געוואָלט אַרויסגעהן, אָט כאַפּט ער זיך פֿאַר'ן הענטעל — דער זשאַנדאַרם נעהמט פֿאַנאַנדער די שוואַכֿע פֿינגער און רײַסט אָב די האַנד; כאַפּט זיך פֿאַר אַ ווינקעל, פֿאַר דער טיר, פֿאַר דער הויכֿער ראָד — און באַלד, ווי דער זשאַנדאַרם גיט אַ שוואַכֿען שלעפּ, לאָזט ער אָב. אַפּילו ניט געכאַפּט זיך, נאָר גיכֿער שלעפֿעריג האָט ווי צוגעקלעפּט זיך צו יעדער זאַך דער שווײַגענדיגער יאַנסאָן, אָברײַסען איהם איז לײַכֿט געוועזען, אָהן יעדער אָנשטרענגונג. ענדליך האָט ער זיך געשטעלט.

קײַן פֿאָהנעס זענען ניט געוועזען. דער וואָקזאַל איז געוועזען, ווי געוועהנליך בײַ נאַכֿט, פֿינסטער, לעער און לעבענסלאָז; פּאַסאַזשיר־ציגען זענען שוין ניט געגאַנגען, און פֿאַר יענעם צוג, וואָס האָט אויפ'ן וועג שטום געוואַרט אָט די פּאַסאַזשירען, האָט'ן ניט בעדאַרפֿט ניט קײַן העלע פֿײַערן, ניט קײַן גרויסען טומעל. און פּלוצלונג איז ווערנער'ן געוואָרען לאַנגווײַליג. ניט שרעקליך, ניט אומעדיג — נאָר לאַנגווײַליג מיט אַ אונגעהויערער, ציהעדיגער, פּײַניגענדער לאַנגווײַליגקײַט, פֿון וועלכֿער ס'ווילט זיך ערגעץ־וואו אַוועקגעהן, לעגען זיך, פֿערמאַכֿען שטײַף די אויגען. ווערנער האָט זיך אויסגע-

צוּיגען אין אַ לאַנגגען גאַנגען געטאָן. ס'האָט זיך אויסגעצויגען און געשווינד עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אָבגעגענעצט אויך יאַנסאָן.

וואָלט שוין דאָס כאָטש גיכער געווען! — האָט געזאָגט ווערנער מיעד. יאַנסאָן האָט געשוויגען און געטוליעט זיך.

בעת אויף דער פוסטער פלאַטפאָרמע, וועלכע איז אַרומגערינגעלט געווען מיט סאָלדאַטען, האָבען די פערמשפּט'ע זיך בעוועגט צו די דונקעלע וואַגאָנעס, האָט ווערנער זיך אָנגעטראָפען מיט סערגיי גאָלאָווינ'ען: און יענער, ווייזענדיג ערגעץ אָן אַ זייט מיט'ן האַנד, האָט וואָס גערעדט, און דייטליך האָט זיך געהערט נאָר איין וואָרט „די לאַטערנע“, און דער סוף פון דער פראַזע איז פערזונקען אין אַ דויערענדען און מיעדען גענעץ.

— וואָס רעדסטו דאָרטען? — האָט געפרעגט ווערנער, ענטפערענדיג אויך מיט אַ גענעץ.

— די לאַטערנע. דער לאָמפּ אין לאַטערנע רויכערט, — האָט געזאָגט סערגיי. ווערנער האָט זיך אומגעקוקט: אין לאַטערנע האָט טאַקי שטאַרק גערויכערט דער לאָמפּ און ס'זענען שוין שוואַרץ געוואָרען פון אויבען די שייבלעך.

— יע, ס'רויכערט.

און פּלוצלונג אַ קלער געטאָן: און וואָס איז, איבעריגענס, מיר פאַר אַ דאגה, וואָס דער לאָמפּ רויכערט, בעת... אַ פּנים אַז דאָס זעלבע האָט אויך אַ קלער געטאָן סערגיי: ער האָט געשווינד אַ קוק געטאָן אויף ווערנער'ן און האָט זיך אָבגעקעהרט. נאָר געגענעצן האָבען זיי ביידע אויפגעהערט.

אַלע זענען ביז די וואַגאָנעס געגאַנגען אַליין, און נאָר יאַנסאָנ'ן איז אויסגעקומען צו פיהרען אונטער'ן האַנד: אין אָנהויב האָט ער זיך איינגעשפּאַרט מיט די פיס און אַקוראַט ווי צוגעקלעבט די פּאַדעשווען צו די ברעטער פון פלאַטפאָרמע, נאָכדעם האָט ער צונויפגעבויגען די קניע און איז געבליבען הענגען ביי די זשאַנדאַרמען אויף די הענד, די פיס זיינע האָבען זיך געשלעפּט, ווי ביי איינעם, וואָס איז שטאַרק שיכור, און די שפּיץ פינגער האָבען געסקראָבעט דאָס האָלץ. און אין טיר האָט'ן אידם געשטופּט לאַנג, נאָר שוויינענדיג.

אויך וואַסילי קאַשירין האָט זיך גערירט אַליין, האַלב-מבולבל קאָפּירענדיג די בעוועגונגען פון די חברים — האָט אַלץ געטאָן, ווי זיי. נאָר אַרויפגעהענדיג אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, האָט ער זיך אויסגעגליצט, און דער זשאַנדאַרם האָט אידם גענומען פאַר'ן איילענבויגען, כדי אונטערצוהאַלטען, — וואַסילי איז אַ פער-

טרייסעלטער געוואָרען און האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַ קוויטש, אָב־רייסענדיג די האַנד:

— אַי!

— וואַסיע, וואָס איז מיט דיר? — האָט זיך אַ ריס געטאָן צו איהם ווערנער. וואַסילי האָט געשוויגען און געטרייסעלט זיך שווער. דער זשאַנדאַרם, וועלכער איז געוואָרען עפּעס אָבהענגיג און וועלכען דאָס האָט אַפּילו פערדראָסען, האָט ערקלערט:

— איך האָב זיי געוואָלט אונטערהאַלטען, און זיי...

— קום וואַסיע, איך וועל דיך אונטערהאַלטען — האָט געזאָגט ווערנער און געוואָלט נעהמען איהם פאַר'ן האַנד. נאָר וואַסילי האָט ווידער אָבגעריסען די האַנד און נאָך העלער אַ געשריי געטאָן:

— אַי!

— וואַסיע, דאָס בין איך, ווערנער.

— כ'ווייס. טשעפּע מיר ניט. כ'וועל אַליין.

און ניט אויפהערענדיג צו טרייסלען זיך, איז ער אַליין אַריין אין וואַגאָן און געזעצט זיך אין אַ ווינקעל. אָנבויגענדיג זיך צו מוסיע'ן, האָט ווערנער שטיל געפרעגט זי, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף וואַסיליע'ן:

— ווי אַזוי?

— שלעכט — האָט אויך אַזוי שטיל געענטפערט מוסיע —. ער איז שוין געשטאָרבען. ווערנער, זאָג מיר, ס'איז טאַקי דאָ טוידט?

— כ'ווייס ניט, מוסיע, נאָר איך רעכען, אַז ניט —, האָט גע־ענטפערט ווערנער ערנסט און מיושב.

— איך רעכען אויך אַזוי. און ער? ס'האָט מיר אויסגעגעסען דאָס האַרץ מיט איהם אין קאַרעט, אַזוי ווי איך וואָלט געפאָהרען מיט אַ טוידטען.

— כ'ווייס ניט, מוסיע. ס'קען זיין, אַז פאַר אַנדערע איז דאָ טוידט דערווייל, און נאָכדעם וועט גאָר ניט זיין. אָט פאַר מיר איז אויך געווען דער טוידט, און איצט איז ער ניטאָ.

— געווען, ווערנער, געווען?

— געווען. איצט ניט. אַזוי ווי פאַר דיר.

אין טיר פון וואַגאָן האָט זיך דערהערט אַ טומעל. הויך קלאַפּענדיג מיט די אַבצאַצען, הויך אָטהמענדיג און שפּייענדיג, איז אַריין מישקע ציגאַנאָק. האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגען און אָב־געשטעלט זיך מיט עקשנות:

— ניטאָ קיין פּלעצער, זשאַנדאַרם? האָט ער אַ געשריי געטאָן צום פערמאַטערטען זשאַנדאַרם, וואָס האָט בייז געקוקט. — דו גיב

מיר אַזוי, אַז ס'זאָל זיין פֿריי, אַז ניט פֿאָדר איך ניט, הענג דאָ, אויפֿ'ן לאַטערנע. אַ קאַרעט אַביסעל געגעבען, די כלבים, אָט דאָס איז אַ קאַרעט? אַ טריבוך, און ניט קיין קאַרעט!

נאָר פּלוצלונג האָט ער איינגעבויגען דעם קאָפּ, אויסגעצויגען די האַלז, און אין אַזאַ פּאָזע איז ער אַוועק פֿאָראויס, צו די אַנדערע. פֿון דער צושויבערטער רעמעל האָר און באָרד האָבען די שוואַרצע אויגען זיינע געקוקט ווילד און שאַרף, אַביסעל ווי משוגע.

— אַ, פּריצים! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ניגון. אָט וואָס, אַ גוטער מאָרגען, פּריץ.

ער האָט אַ שטעק געטאָן ווערנער'ן די האַנד און האָט זיך געזעצט אַנטקעגען אים. און איינבויגענדיג זיך נאָהענט, האָט ער אַ וואונק געטאָן מיט איין אויג און געשווינד אַ פֿיהר געטאָן מיט'ן האַנד איבער האַלז.

— איך? אַ?

— איך! — האָט אַ שמייכעל געטאָן ווערנער.

— אַלעמען טאַקי?

— אַלעמען.

— אָהאָ! האָט ציגאַנאָק אויסגעשטשירעט די צעין און געשווינד אַרומגעטאַפּט מיט די אויגען אַלעמען, אויף אַנ'אויגענבליק לענגער אָבגעשטעלט זיך אויף מוסיע'ן און יאַנסאָנ'ען, און ווידער אינטערגעוואונקען ווערנער'ן:

— אַ מיניסטער?

— אַ מיניסטער, און דו?

— איך, פּריץ, בין וועגען אַנ'אַנדער ענין. ווי קומען מיר צו מיניסטאָרען. איך, פּריץ, בין אַ גזלן, אָט ווער איך בין. אַ קוילער. נישקשה, פּריץ, גיב זיך אַ רוק, ניט מיט'ן אייגענעם ווילען אַריינגעכאַפּט זיך אין קאָמפּאַניע. אויף יענער וועלט וועט פֿאַר אַלעמען קלעקען אָרט.

ער האָט ווילד, פֿון אונטער די צושויבערטע האָהר, אַרומגעקוקט אַלעמען מיט איין האַסטיגען, מיסטריאישען בליק. נאָר אַלע האָבען געקוקט אויף אים שטום און ערנסט און אַפֿילו מיט אַ קענטיגען מיטגעפֿיהל. ער האָט אויסגעשטשירעט די צעין און געשווינד אַ קלאַפּ געטאָן עטליכע מאָל ווערנער'ן איבער'ן קניע:

— אָט אַזוי איז דאָס, פּריץ! ווי דער עולם זינגט: ניט הודזשע, מוטער־לעב, דו גרין וועלדעלע.

— פֿאַר וואָס רופֿסטו מיר פּריץ, בעת מיר אַלע...

— ריכטיג, — האָט מיט הנאה איינגעשטימט ציגאַנאָק. וואָס

ביזסטו פאַר אַ פריץ, אַז דו וועסט הענגען גלייך מיט מיר? אָט ווער ס'איז אַ פריץ — האָט ער אַ טייטעל געטאָן מיט'ן פינגער אויפ'ן שווייגענדיגען זשאַנדאַרם. ע, און אָט יענער אייער איז עפּעס דאָסיג, ניט ערגער פון אייזערען אַ חברה־מאַן —, האָט ער אָנגעוויזען אויף וואסיליע'ן. — פריץ, אַ פריץ, האָסט מורא, אַ?

— נישקשה —, האָט מיט מאַטערניש אַ דרעה געטאָן זיך דער צונג.

— אַ שיינער נישקשה. אָבער דו שעם זיך ניט, ניטאָ דאָ וואָס צו שעמען זיך. דאָס איז אַ הונד דרעהט נאָר מיט'ן עק, און שטשירעט די צעין, אַז מ'פּידרט איהם הענגען, און דו ביזסט דאָך אַ מענש. און ווער איז דער, מיט די צופּליאַשקעטע אויערן? דער איז ניט פון אייערע?

די אויגען זיינע זענען געשווינד איבערגעשפּרונגען, און ער האָט כסדר מיט אַ טשישערייַ אויסגעשפּייט די פּערלאָפּענע זיסע שפּייַכעץ. יאַנסאָן, וועלכער האָט ווי אַ אייבעוועגליכער קנויל זיך צוגעטוליעט צום ווינקעל, האָט לייכט אַ ריהר געטאָן מיט די פליגלען פון זיין אָבגעקראַכענער פּיטער־היטעל, נאָר גאָר נישט געענטפערט. געענטפערט פאַר איהם האָט ווערנער.

— דעם בעל־הבית זיינעם געקוילעט.

— טאַטינקעס! — האָט זיך פערחידושט ציגאַנאָק: און ווי דערלאָזט'ן דאָס אַזעלכע צו קוילען מענשען.

שוין לאַנג, פון דער זייט, האָט ציגאַנאָק צוגעקוקט זיך צו מוסיע'ן; און איצט, געשווינד אַ קעהר טאָנדיג זיך, האָט ער שאַרף און גלייך אָנגעשטעלט אויף איהר די אויגען.

— פרייַלין, אַ פרייַלין! וואָס איז דאָס מיט אייך! אי די בעקלעך רויטע, און לאַכט. זעה נאָר, זי לאַכט טאַקי — האָט ער געכאַפּט ווערנער'ן פאַר'ן קניע מיט קלעפּיגע, אַזוי ווי אייזערנע פינגער. — זעה נאָר, זעה!

רויט ווערענדיג, מיט אַ ביסעל אַ פערשעמטען שמייכעל, האָט מוסיע אויך געקוקט גלייך אויף זיינע שאַרפע, אַ ביסעל ווי משוגענע, אויגען, וואָס האָבען שווער און ווילד וואָס געפרעגט.

אַלע האָבען געשוויגען.

דראָבנע און ערנסט האָבען אונטערגעקלאַפּט די רעדער, די קליינינקע וואַגאָנטשיקעס האָבען אונטערגעשפּרונגען איבער די שמאָלע רעלסען און זענען מיט התמדה געלאָפען. אָט האָט ביים פערקערעווען זיך אָדער ביים שלאַגבוים דין און מיט התמדה אַ פּייף געטאָן דער לאָקאָמאָטיוועל — דער מאַשיניסט האָט מורא געהאַט

עמיצען איבערצופֿאָהרען. און ס'האָט אויסגעוויזען ווילד, ווי אין דענגען פֿון מענשען ווערט אַרייַנגעטראָגען אַזוי פֿיעל געוועהנליכע מענשליכע פּינקטליכקייַט, טרחה, ערנסטקייַט, וואָס די סאַמע אונזיניגע זאַך אויף דר'ערד ווערט אָבגעטאָן מיט אַזאַ אייַנפֿאַכקייַט און מיושב. ס'זענען געלאָפֿען וואַגאָנעס, אין זיי זענען געזעסען מענשען, ווי ס'זיצען שטענדיג, און זענען געפֿאָהרען, ווי זיי פֿאָהרען שטענדיג; און נאָכדעם וועט דער צוג זיך אָבשטעלען, ווי געוועהנליך — „דער צוג שטעהט פֿינף מינוט".

און דאָ וועט אַיינטרעטען דער טוידט — די אייביגקייַט — דאָס גרויסע געהיימניס.

12. מ'האָט זיי געבראַכט.

מיט התמדה זענען געלאָפֿען די וואַגאָנטשיקעס.

אַ פּאָר יאָהר נאָכאַנאַנד האָט סערגיי גאָלאָווין געוואוינט מיט די קרובים אויף אַ זומער-דירה אויף דעם זעלביגען וועג, פֿלעגט אָפֿט פֿאָהרען ביי טאָג און ביי נאַכט, און האָט געוואוסט גוט דעם וועג. און אַז מ'זאָל צומאַכען די אויגען, האָט'ן געקענט מיינען אַז אויך איצט פֿאָהרט ער זיך אַהיים — פֿערזעסען זיך אין שטאָדט ביי בעקאַנטע און פֿאָהרט מיט'ן לעצטען צוג.

— איצט איז באַלד —, האָט ער געזאָגט עפֿענענדיג די אויגען און אַ קוקטאָנדיג אין פֿינסטערען, פֿערצוימטען מיט אַ גראַטע, שטומען פֿענסטער.

קיינער האָט זיך ניט אַריהר געטאָן, ניט געענטפֿערט, און נאָר ציגאַנאָק האָט געשווינד, אַמאָל נאָך אַמאָל, אויסגעשפּיגען די זיסע שפּייַעכץ. און האָט אָנגעהויבען צו וואַרפֿען מיט די אויגען איבער'ן וואַגאָן, צוטאַפּען די פֿענסטער, טירען, די סאָלדאַטען.

— ס'פֿרירט — האָט געזאָגט וואַסילי קאַשירין מיט שווערע, פּונקט ווי מיט אויף אַן'אמת פֿערפֿראָרענע ליפּען; און דאָס וואָרט איז ביי איהם אַרויסגעקומען: סו—פֿיט.

טאַניע קאָוואַלטשוק האָט גלייך געטומען האַוועץ.

— נאַ דיר אַ טיכעל, בינד אַרום די האַלז. די טיכעל איז זעהר אַ וואַרימע.

— די האַלז? האָט אונגעריכט געפֿרעגט סערגיי און האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דער פֿראַגע. נאָר אַזוי ווי די איבעריגע האָבען אויך אַקלעהר געטאָן דאָס זעלבע, האָט קיינער זי ניט

געהערט — אַזוי ווי קיינער וואָלט גאָר נישט געזאָגט אָדער אַלע צוגלייך וואָלטען געזאָגט דעם זעלבינען וואָרט.

— נישקשה, וואַסיע, פערבינד, פערבינד, ס'וועט זיין וואַרימער — האָט אַנ'עצה געגעבען ווערנער. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעדרעהט צו יאַנסאָנ'ען און צערטליך געפרעגט:

— און דיר, טייערינקער, איז נים קאַלט, האַ?

— ווערנער, אפשר וויל ער רויכערן. חבר, איהרווילט אפשר רויכערן? — האָט געפרעגט מוסיע. ביי אונז איז דאָ.

— כ'וויל.

— גיב איהם אַ פאַפּיראָס, סעריאָזשע — האָט זיך דערפרעהט ווערנער. נאָר סערגיי האָט שוין אַרויסגענומען די פאַפּיראָסען. און אַלע האָבען מיט ליבשאַפט געקוקט, ווי יאַנסאָנ'ס פינגער האָבען גענומען דעם פאַפּיראָס, ווי ס'האָט געברענט די שוועבעלע און פון יאַנסאָנ'ס מויל איז אַרויס אַ בלויער רויכעל.

— גו, אַ דאַנק — האָט געזאָגט יאַנסאָן. — גוט.

— ס'איז מאָדנעקייט! — האָט געזאָגט סערגיי.

— וואָס מאָדנע? האָט זיך אומגעדרעהט ווערנער. — וואָס מאָדנע?

— אָט: דער פאַפּיראָס.

ער האָט געהאַלטען אַ פאַפּיראָס, אַ געוועהנליכען פאַפּיראָס, צווישען געוועהנליכע לעבעדיגע פינגער און אַ בלאַסער האָט ער מיט פערוואונדערונג און אַפילו מיט שרעק געקוקט אויף איהם. און אַלע האָבען אויסגעשטעלט די אויגען אויף דער דינינקער טרייבעלע, פון וועלכער ס'האָט זיך געדרעהט אַ בלויער בענדעל רויך, וואָס פלעגט אָבגעטראָגען ווערען אָן אַ זייט דורכ'ן אָטהעם, און ס'האָט געדונקעלט, אָנקלייבענדיג זיך, דער אַש. פערלאָשען געוואָרען.

— פערלאָשען — האָט געזאָגט טאַניע.

— יע, פערלאָשען.

— נו צום טייוועל! — האָט געזאָגט ווערנער, און זיין געזיכט האָט זיך פערכמאַרעט און ער האָט געקוקט אונרוהיג אויף יאַנסאָנ'ען, ביי וועלכען די האַנד מיט'ן פאַפּיראָס איז געהאַנגען ווי אַ טויטע. פלוצלינג האָט ציגאַנאָק זיך אומגעדרעהט, איינגעבויגען זיך צו ווערנער'ן גאָר נאָהענט, און, פערקאַטשענדיג די ווייסלען, ווי אַ פערד, געזאָגט גאַנץ שטיל:

— פריץ, אפשר אַ נעהם טאָן די קאָנוואָינע, האַ? אַ פּרובירן?

— מ'דאַרף ניט — אויך אַזוי שטיל האָט געענטפערט ווערנער.

— טרינק אויס ביז'ן דעק.

— למאַי? אין אַגעשלעג איז דאָס עפּעס פרעהליכער, האַ? איך אידם, ער מיר, אַמעשה מיט אַנ'עק, אַליין ניט אַרומגעזעהען זיך. אַזוי ווי ניט געשטאָרבען.

— ניין, מ'דאַרף ניט — האָט געזאָגט ווערנער און האָט זיך אומגעקעהרט צו יאַנסאָנ'ען:

— טייערינקער, פאַר וואָס רויכערסטו ניט?

פלוצלונג האָט יאַנסאָנ'ס צוקראָכענע געזיכט זיך רחמנות'דיג צונויפגעקנייטשט; אַזוי ווי עמיץ וואָלט פלוצלונג אַציה געטאָן פאַר אַפאָדים, וועלכער בעוועגט די קנייטשען, און זיי האָבען זיך אַלע פערדרעהט. און, ווי דורכ'ן שלאָף, האָט יאַנסאָן אָנגעהויבען צו שלוכצען אָהן טרעהרען, מיט אַטרוקענעם, כמעט פערשטעלטען קול:

— כ'וויל ניט רויכערן. אַך — כאַ! אַך — כאַ. אַך — כאַ. מ'דאַרף מיך ניט הענגען. אַך — כאַ, אַך — כאַ, אַך — כאַ.

מ'האָט גענומען אַרום איהם האַרצען. טאַניע קאָוואַלטשוק, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען, האָט איהם געגלעט דעם אַרבעל און פערריכטענדיג די אַראָבגעהאַנגענע פליגלען פון דער אָבגעקראָכענער היטעל:

— טייערינקער מיינער. ליבינקער. נו ניט וויין, טייערינקער מיינער, האַרציגער.

מוסיע האָט געקוקט אָן אַזייט. ציגאַנאָק האָט געכאַפּט איהר קוק און פערשטשירעט די צען.

אַטשיקאַווער פריץ! טרינקט טיי, און די פוזע איז ביי איהם אַקאַלטע — האָט ער געזאָגט מיט אַקורצען געלעכטער'ל. נאָר דאָס געזיכט איז ביי איהם געוואָרען בלוי-שוואַרץ, ווי טשוגון, און ס'האָבען געליאַשקעט די גרויסע געלע צען.

פלוצלונג האָבען די וואַגאָנטשיקעס אַציטער געטאָן און קענטיג פערלאַנגזאַמט דעם גאַנג. אַלע, אַחוץ יאַנסאָנ'ען און קאַשירינ'ען, האָבען זיך אויפגעהויבען און אויך אַזוי געשווינד געזעצט זיך צוריק.

— די סטאַנציע! — האָט געזאָגט סערגיי.

אַזוי ווי מ'וואָלט מיט אַמאָל אויסגעפּאָמפּעט פון וואַגאָן די גאַנצע לופט: אַזוי שווער איז געוואָרען צו אָטהמען. דאָס אויס-געוואַקסענע האַרץ האָט געשפּאַרט אונטער'ן ברוסט, זיך געשטעלט אין האַלז, זיך געצאַפּעלט מיט אַווילדען האַסט — האָט געשריגען

אין אַנגסט מיט זיין בלוטיג-פֿילען קול. אין די אויגען האָבען געקוקט אַראָב אויף דער ציטערענדער פּאָדלאָגע, און די אויערען האָבען געהערט, ווי אַלץ לאַנגזאַמער האָבען זיך געדרעהט די רעדער — געגליטשט — ווידער געדרעהט זיך — און פּלוצלונג שטעהן געבליבען.

דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט.

דאָ איז אָנגעפאַלען אַ שלאָף. ניט וואָס ס'איז געווען זעהר שרעקליך, נאָר פֿאַנטאַסטיש, בעוואוסטלאָז און עפּעס פֿרעמד: דער טרוימענדער אַליין איז געבליבען אָן אַ זייט, אין נאָר זיין שאָטענבילד האָט געשוועבט, זיך בעוועגט, גערעדט שטימלאָז, געשפּרייזט אַזוי שטיל, אַז מ'האָט ניט געהערט קיין טריט, געליטען אָהן ליידען. אין שלאָף זענען אַרויס פֿון די וואַגאָנעס, צוטיילט זיך פּאָרווייז, געשמעקט די בעזאָנדערס פֿרישע, פֿריהלינגדיגע וואַלדלופֿט. אין שלאָף שטומפּף אין מאַכטלאָז האָט זיך איינגעשפּאַרט יצנסאָן אין, שווייגענדיג, האָט'ן איהם געשלעפּט פֿון וואַגאָן.

אַראָבגעלאָזען זיך פֿון די טרעפּלעך.

— צו פֿוס גאָר? — האָט עמיץ געפֿרעגט, כמעט פֿרעהליך.

— דאָ איז ניט וויַט, — האָט עמיץ אַנ'אַנדערער געענטפֿערט, אויך אַזוי פֿרעהליך.

נאָכדעם איז מען ווי אַ גרויסע, שוואַרצע, שווייגענדיגע מחנה געגאַנגען דורכ'ן וואַלד איבער אַ שלעכט איינגעטאָפּשעטען, נאַסען און ווייכען פֿריהלינגס-וועג. פֿון וואַלד, פֿון שנע האָט געשפּאַרט מיט אַ פֿרישער שטאַרקער לופֿט; די פֿוס האָט זיך געגליטשט, אַמאָל פֿלעגט זי איינזינקען אין שנע און די הענד האָבען ניט ווילענדיג געכאַפּט זיך פֿאַר'ן חבר; און הויך אָטהמענדיג, שווער, איבער'ן ניטגעריהרטען שנע האָבען זיך בעוועגט ביי די זייטען די קאָנוואָינע. עמיצינס קול האָט געזאָגט בייז:

— דעם וועג ניט געקענט אָברייניגען. קוליע זיך דאָ אין שנע.

עמיץ האָט, ווי פֿיהלענדיג זיך שולדיג, פֿערענטפֿערט זיך:

— מ'האָט גערייניגט, וואַשע בלאַגאָראָדיע. אַנ'אָדליגע אָבער, מ'קען גאָר נישט מאַכען.

דאָס בעוואוסטזיין האָט זיך אומגעקעהרט, אָבער ניט אינגאַנצען, נאָר מיט הפסקות, שטיקלעכווייז. אָט איז דער שכל מיט אַנערנסטקייט מסכים:

— טאַקי אמת, ניט געקענט אָברייניגען דעם וועג.

אָט ווערט ווידער אַלץ אויסגעלאָשען און ס'בלייבט נאָר איין

הויש הריה: אַנ׳אונטערטרעגליך העלער ריה פון לופט, וואַלד, צו־געהענדען שנעע; אט ווערט אַלץ מאָדנע קלאָר: אי דער וואַלד, אי די נאַכט, אי דער וועג, אי דאָס, וואָס מ׳וועט זיי באַלד, אט די מינוט, אויפהענגען. אָבגעהאַקט האָט זיך דורכגעוואָרפען אַנ׳איינ־געהאַלטענער ליזער געשפרעך:

— באַלד פיער.

כ׳האָב געזאָגט: מיר פאָהרען צו פריה.

— ס׳טאָגט פינף.

— נו יע, פינף. האָט׳ן געדאַרפט...

אין דער פינסטער, יאויף אַ פרייעם פלאַץ, האָט׳ן זיך אָבגע־שטעלט. ניט ווייט, הינטער די שיטערע, דורכזיכטיגע, ווי אין ווינטער, בוימער, האָבען שטום בעוועגט זיך צוויי לאַטערנעס: דאָרט זענען געשטאַנען די תליות.

— אַ קאַלאָש אָנגעוואָרען—, האָט געזאָגט סערגיי גאָלאָווין.

— טאַקי? האָט ניט פערשטאַנען ווערנער.

— אַ קאַלאָש אָנגעוואָרען. קאַלט.

— און וואו איז וואַסילי?

— כ׳ווייס ניט. אָן שטעהט ער.

אַ פינסטערער און אונבעוועגליכער איז געשטאַנען וואַסילי.

— און וואו איז מוסיע?

— איך בין דאָ. דאָס ביזסטו, ווערנער?

— מ׳האָט אָנגעהויבען אַרומצוקוקען זיך, אויסמיידענדיג צו קוקען אין יענעם זייט, וואו שטום און שרעקליך־פערשטענדליך האָבען ניט אויפגעהערט צו בעוועגען זיך די לאַטערנעס. לינקס האָט דער נאַקעטער וואַלד אויסגעוויזען ווי שיטער, ס׳האָט דורכ־געקוקט עפעס ברייטעס, ווייסעס און פלאַכעס. און פון דאָרטען איז געגאַנגען אַ פייכטער ווינד.

— דער ים—האָט געזאָגט סערגיי גאָלאָווין, שמעקענדיג און כאַפענדיג מיט׳ן מויל די לופט.—דאָרטען איז דער ים.

מוסיע האָט הילכיג זיך אָבגערופען:

— מיין ליעבע, וואָס איז ברייט, ווי דער ים!

— זאָגסט וואָס, מוסיע?

— מיין ליעבע וואָס איז ברייט, ווי דער ים, אַריינגעהמען זי קענען ניט פון לעבען די ברעגען.

— מיין ליעבע, וואָס איז ברייט, ווי דער ים—, ווי בעצוואונגען פונ׳ם קלאַנג פון דער שטימע און פון די ווערטער, האָט איבערגע־חזר׳ט פערקלערט סערגיי.

— מיין ליעבע, וואס איז ברייט, ווי דער ים... האט איבער־געזהרט ווערנער, און פלוצלונג פרעהליך פערוואונדערט זיך: מוסקע! ס'ארא יונגע דו ביזסט נאך!

פלוצלונג נאהענט ביים סאמע אויער האט ווערנער דערהערט א הייסעס, שטיקענדיגעס שעפטשען פון ציגאנאק'ן:

— קוקט נאר, קוקט נאר. דער וואלד־דא, הא? טאטינקעס, וואס איז דאס! און דארטען אנא, וואו די לאטערנעס, דאס איז דער הענגער, צי וואס? וואס איז דאס, הא?

ווערנער האט א קוק געטאן: ציגאנאק האט זיך געמאטערט ווי פאר דער גסיסה.

— מ'דארף זיך זעגענען... האט געזאגט טאניע קאוואל־טשוק.

— ווארט, מ'דארף נאך דעם פסק־דין לייענען, — האט גע־ענטפערט ווערנער. — און וואו איז יאנסאן?

יאנסאן איז געלעגען אין שנעע און ארום איהם האט'ן מיט עפעס געעוסקט. פלוצלונג האט שארף גענומען שמעקען מיט נאשאטיר.

— נו, וואס איז דארטען, דאקטאר? באלד פארטיג? — האט עמיץ געפרעגט אונגעדולדיג.

— גאר נישט. געפאלען אין חלשות. רייבט איהם דורך די אויער'ן מיט שנעע. ער געהט שוין אב, מ'קען לייענען.

א ליכט פון א סעקרעטנער לאנטערנע איז געפאלען אויפ'ן פאפיר און אויף די ווייסע אהן הענדטשקעס הענד. אי דאס פאפיר, אי די הענד האבען אביסעל געציטערט; ס'האט געציטערט אויך די שטים.

— מיינע העררען, אפשר זאל'ן דעם פסק־דין ניט לייענען? איהר ווייסט דאך איהם? ווי מיינט איהר?

— ניט לייענען, — האט געענטפערט פאר אלעמען ווערנער און די לאטערנע איז געשווינד פערלאשען געווארען.

פון א גלה האבען זיך אויך אלע אבגעזאגט. און די פינסטערע ברייטע שאטען־פיגור האט שטום און געשווינד זיך אבגערוקט אין דער טיפעניש און איז פערשוואונדען. קענטיג, אז ס'האט אנגעהויבען צו טאגען: דער שנעע איז ווייסער געווארען, ס'זענען שווארצער געווארען די פיגורען פון די מענשען, און דער וואלד איז געווארען שיטערער, אומעדיגער און איינפאכער.

— מיינע העררען, געהן דארפ'ן צו צוויי. פארוויי צושטעלט זיך, ווי איהר ווילט, נאר איך בעט צוצאיילען זיך.

װערנער האָט אָנגעװיזען אױף יאַנסאָנ׳ען, װעלכער איז שױן געשטאַנען אױף די פיס, אונטערגעהאַלטען פון צװײ זשאַנדאַרמען:

— איך מיט איהם, און דו, סעריאָזשע נעהם װאַסיליע׳ן. געהט פאָראױס.

— גוט.

— איך מיט דיר, מוסעטשקע? — האָט געפרעגט קאָװאַלטשוק

— נו, לאָמיר זיך צוקושען.

געשװינד צוקושט זיך. ציגאַנאָק האָט געקושט שטאַרק, אַזױ, אַז ס׳האָבען זיך געפיהלט די צײן; יאַנסאָן װײך און שלעפעריג, מיט אַ האַלבאָפענעם מױל — איבריגענס האָט ער, דוכט זיך, ניט פערשטאַנען, װאָס ער טוט. אַז סערגײ גאָלאָװין און קאַשירין זענען שױן אָבגעגאַנגען עטליכע טריט, האָט קאַשירין פלוצלונג זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט הױך דײטליך, נאָר מיט אַ פאָלקאָם פרעמדער, אומבעקאַנטער שטים:

— אַדיע, חברים!

— אַדיע, חבר! האָט׳ן איהם אַ געשרײ געטאָן.

אַװעק. ס׳איז געװאָרען שטיל. די לאַטערנעס הינטער די בױמער האָבען זיך אָבגעשטעלט אומבעװעגליך. מ׳האָט ערװאַרט אַ געשרײ, אַ קול, אַ װעלכען ס׳איז טומעל —, נאָר ס׳איז געװעזען שטיל דאָרטען, אַזױ װי אומבעװעגליך האָבען די לאַטערנעס געלעגט אַ געלבען שײן.

— אַך, טאַטינקעס! האָט זיך דערהערט אַ װילדע הײזעריגע שטימע. מ׳האָט זיך אומגעקוקט: דאָס האָט זיך געמאַטערט װי פאַר דער גסיסה ציגאַנאָק. — מ׳הענגט!

אָבגעקעהרט זיך, און ס׳איז װידער געװאָרען שטיל. ציגאַנאָק האָט זיך געמאַטערט, כאַפענדיג די לופט:

— איז װי אַזױ װעט דאָס זײן, עולם, האַ? איך װעל אַלײן? אין קאָמפּאַניע איז פאָרט פרעהליכער. עולם, װי איז דאָס?

געכאַפּט װערנער׳ן פאַר׳ן האַנד, און זײנע פינגער האָבען זיך צונױפגענומען און פאַנאַנדערגענומען, װי זײ װאָלטען געשפּיעלט:

— טײערינקער, ליבינקער, געה כאָטש דו מיט מיר, האַ? טוה אַ טובה, זאָג ניט אָב!

װערנער האָט מיט צער געענטפערט:

— כ׳קען ניט, טײערינקער. איך געה מיט איהם.

— אַך, טאַטינקעס! אַלײן, הײסט עס. װי אַזױ דען? טאַטינקעס!

מוסיע איז ארויסגעטראטען פאראויס און האט שטיל געזאגט:

— קומט מיט מיר.

ציגאנאק איז אבגעשפרונגען אהינטער און האט ווילד אויסגעקאטשעט אויף איהר די וויסלען:

— מיט דיר?

— יע.

— זעהסט אביסעל. ס׳אקליינינטשקע! און האסט ניט מורא? אפשר שוין גלייכער איך אליין. וואס מאכט שוין אוים!

— ניין, כ׳האב ניט מורא.

ציגאנאק האט אויסגעשטשירעט די צען.

— זעהסט אביסעל! און איך בין דאך א גזלן. שעמסט זיך גאר ניט מיט מיר? אפשר גלייכער ניט. איך וועל צו דיר גאר נישט האבען.

מוסיע האט געשוויגען און אין דעם שוואכען שיין פון בעגינען איז די געזיכט איהרע געוועזן בלאס און געהיימניספול. נאכדעם איז זי פלוצלונג, געשווינד צוגעגאנגען צו ציגאנאק׳ן און, פערלעגענדיג די הענד צו איהם אויפ׳ן האלז, שטארק א קוש געטאן איהם אין די ליפען. ער האט זי גענומען מיט די פינגער פאר די אקסלען, אבגערוקט פון זיך, א טרייסעל געטאן — און היוך, טשמאקענדיג, א קוש געטאן אין די ליפען, אין נאז, אין די אויגען.

— קומט!

פלוצלונג האט דער נאהענסטער סאלדאט עפעס א שאקעל געטאן זיך און פאנאנדערגענומען די האנד, ארויסלאזענדיג די ביקס. האט אבער זיך ניט איינגעבויגען, אויפצוהויבען איהם, נאר איז געשטאנען א מאמענט אונבעוועגליך, האט זיך אומגעדרעהט האסטיג און, ווי א בלינדער, גענומען שפרייזען אין וואלד איבער דעם ניטגעריהרטען שנעע.

— וואוהין? — האט מיט שרעק שטיל געזאגט א צווייטער. — שטעה!

נאר יענער איז ווי פריהער שטום און שווער געקראכען אין טיפען שנעע; אפנים ער האט זיך אן עפעס אנגעשטויסען: ער האט א מאך געטאן מיט די הענד און איז געפאלען מיט׳ן פנים אראב. און איז אזוי געבליבען ליגען.

— די ביקס הויב אויף, צוקראכענע פעל דו! אז ניט וועל איך אויפהויבען! — האט בייז געזאגט ציגאנאק. — ווייסט ניט די סלושבע!

ווידער האָבען גענומען האַוועןדי לאַטערנעס. ס'איז געקומען די צייט פון ווערנער'ן און יאַנסאָנ'ען.

— אַדיע, באַרין! — האָט געזאָגט אויפ'ן קול ציגאַנאָק. — אויף יענער וועלט וועלען מיר בעקאַנט זיין, וועסט ווען דערזעהען, ניט קעהר אָב דעם קאָפּ. און אַ טרונק וואַסער דערלאַנג ווען ס'איז — הייס וועט מיר דאָרטען זיין.

— אַדיע.

— איך וויל ניט — האָט געזאָגט יאַנסאָן שלעפעריג. נאָר ווערנער האָט איהם גענומען פאַר'ן האַנד און עטליכע טריט איז דער עסטאָנער אָבגעגאַנגען אַליין; נאָכדעם איז קענטיג געווען — ער האָט זיך אָבגעשטעלט און געפאַלען אין שנע. מ'האָט זיך איבער איהם איינגעבויגען, אויפגעהויבען און געטראָגען, און ער האָט שוואַך זיך געצאַפּעלט אין די הענד, וואָס האָבען איהם געטראָגען. פאַר וואָס האָט ער ניט געשריען? וואַהרשיינליך פערגעסען, אַז ביי איהם איז דאָ אַ קול.

און ווידער אונבעוועגליך האָבען זיך אָבגעשטעלט די לאַטערנעס, וואָס האָבען געוואָרפען אַ געלען שיין.

— און איך, הייסט עס, מוסעטשקע, איינע אַליין — האָט טרויעריג געזאָגט טאַניע קאָוואַטשוק. — אין איינעם געלעבט, און אַט...

— טאַניעטשקע, טייערינקע...

נאָר דאָ האָט זיך איינגעשטעלט מיט האַרץ ציגאַנאָק. האַלטענדיג מוסיע'ן פאַר'ן האַנד, ווי ער וואָלט מורא האָבען, אַז מ'קען זי נאָך אָבנעהמען, האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען געשווינד און ערנסט:

— אַך, פריילין! דו קענסט אַליין, דו ביזסט אַ ריינע נשמה, דו איז וואוהין דו ווילסט, קענסטו אַליין. פערשטאַנען? און איך ניט. ווי אַ גזלן... פערשטעהסט? איך קען בשום אופן ניט אַליין. וואוהין, וועט'ן זאָגען, קריכסטו, דו קוילער איינער? איך האָב דאָך פערד אויך גע'גנב'עט„ אויף נאמנות! און מיט איהר בין איך ווי... ווי מיט אַנ'עופעלע, פערשטעהסט. ניט פערשטאַנען?

— פערשטאַנען. נו, מילא, געהט. גיב, איך וועל דיר נאָך אַ מאָל — אַ קוש טאָן, מוסיעטשקע.

— צוקושט זיך, צוקושט זיך — האָט אינטערגעגעבען השק ציגאַנאָק. — אַזוי פיהרט זיך שוין ביי אייך, מ'דאַרף זיך זעגענען גוט.

ס'האָבען זיך געלאָזען מוסיע און ציגאַנאָק. די פרויענצימער איז געגאַנגען פאָרזיכטיג, גליטשענדיג זיך און, פון געוואוינהייט,

אונטערהאלטענדיג דאס קליידעל און שטארק, אונטער'ן האנד, ; פערדיטענדיג און טאפענדיג דעם וועג, האט איהר געפיהרט צום טוידט דער מאנסביל.

די פייערען האבען זיך אבגעשטעלט. שטיל און וויסט איז געווען ארום טאניע קאוואלטשוק. ס'האבען געשוויגען די סאלדאטען, אלע גרויע אין דעם פארבלאזען און שטילען ליכט פון דעם אנקומענדען טאג.

— געבליבען אליין — האט פלוצלונג געזאגט טאניע און א זיפץ געטאן. — געשטארבען סעריאזשע, ווערנער געשטארבען, און וואסיע, געבליבען אליין. סאלדאטשיקעס, א סאלדאטשיקעס, אליין בין איך, אליין..

איבער'ן ים האט גענומען אויפגעהן די זון.

מ'האט צוזאמענגעלעגט אין א קעסטעל די טוידטע קערפער. נאכדעם אוועקגעפיהרט. מיט אויסגעצויגענע העלזער, מיט ווילד אויסגעגלאצטע אויגען, מיט א געשוואלענעם בלויען צונג, וועלכער האט, ווי א אומבעקאנטער שרעקליכער בלום, ארויסגערוקט זיך פון צווישען די ליפען, וואס זענען בענעצט מיט בלוטיגען שוים — האבען געשוואומען די טוידטע, איבער דעם זעלביגען וועג, איבער וועלכען זיי אליין, לעבעדיגע, זענען געקומען אהער, און אויך אזוי ווייך און שמעקעדיג איז געווען דער פריהלינגס-שנעע, און אויך אזוי פריש און שטארק די פריהלינגס-לופט. און ס'האט געדונקעלט אין שנעע סערגיי'ס פערלארענער, נאסער, צוטראטענער קאלאש.

אזוי האבען די מענשען בעגריסט די אויפגעהענדע זון.